STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05923

MARTI

Eliezer Aronowski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אַראָנאָווסקי

מאַרטי

פּאָעמע

ארויסגעגעבן דורך דעם
פּאַטראָנאַט פאר א געזעלשאפטלעכער היים און בית הכנסת פאר די יידן פון קובא
האוואנא-קובא-1953

ELIEZER ARONOWSKY

MARTI

P O E M A

COPYRIGTH 1953
BY
ELIEZER ARONOWSKY

IMPRESO EN LOS TALLERES
"A R T P R I N T"
DE PASCUAL Y GUTSZTAT
LUZ 213 HABANA

אברהם און שרה'ן —

פאטערליך

דעם נאָבעלן און גאַסט־פריינטליכן קובאַנער פאָלק, צווישן וועלכן עס לעבט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, דער נייער יידישער ישוב, וואו אַ גרויסער טייל איז שוין דאָ געבוירן געוואָרן, דאָ דערצויגן געוואָרן, און געניסט די פרייהייט און פריווילעגיע צו לעבן אונטער אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, אין גייסט פון דעם גרויסן קובאַנער באַפרייער און נביא, כאָסע מאַרטי, וועלכער האָט נביאיש פאָרויסגעזען: אַ קובאַ פון אַלע פאַר אַלע!

דעם פאָלק איז געווידמעט די פּאָעמע מאַרטי, פון אונדזער יידיש קובאַנער דיכטער אליעזר אַראָנאָווסקי, ווי אַן אויסדרוק פון די געפילן און פאַרערונג צו דעם פאָטער פון דער קובאַנער רעפּובליק, וואָס האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן צו באַפרייען דאָס לאַנד, און אַליין דורכגעמאַכט די אינקוויזיציע פון די שפּאַניער, פונקט ווי צענדליקער יידן, וואָס זיינען דאָ פאַרברענט געוואָרן אויף די שייטערהויפנס פון די אויטאָ־דע־פעס פאַר זייער גלויבן און ראַסע, דורך די זעלבע אינקוויזיטאָרן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַרשקלאַפט דעם קובאַנער פאָלק, וועלכער האָט געבלוטיקט הונדערט יאָר אין קאַמף, מקריב זייענדיק זיינע בעסטע זין אויפן מזבח פון באַפרייאונג.

און אויך צוליב דעם, וואָס צוזאַמען מיט די קובאַנער, האָבן יידן אנטיילגענומען אין דער באַפרייאונגס מלחמה,

זיך באשטייערט מיט געלט און מיט מענטשן, ניט נאָר אין דער פירערשאפט, ווי מאַיאָר גענעראל קארלאָס ראָלאַ, קאָראָנעל לואיס שלעזינגער און קאָראָנעל האָראַטיאָ°ס. רובענס, נאָר אויך מיט הונדערטער יידן־קעמפער, וואָס זיינען געפאלן אויף קובאנער ערד, וועמעס בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט די אלע, וואָס האָבן אוועקגעגעבן זייער לעבן פאר א פרייער קובאַ, צווישן וועלכע מיר האָבן די זכיה צו לעבן.

זאָל דאָס זיין אונדזער צושטייער צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער פייערונג פון דעם הונדערט יעריקן געבוירנטאָג פון כאָסע מארטי, וועלכער איז געגאנגען אין די פוס־טריט פון די נביאים און פון די גרויסע וועלט־גייסטער, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם מענטשן, אין זיין צוקונפט און אין דעם מאָרגן, אז עס וועט סוף כל סוף קומען צו א מענטשליכער פאַרברידערונג און א פערקערליכער פריינטשאפט, און עס וועט הערשן שלום ושלוה אויף דער וועלט.

פאַטראָנאַט פון דער יידישער הייט
אין האַוואַנאַ

קופֿאַ

לעשן זיך סימפאָניעס פון מיליאָנען טענער, וואָס שפּילט אוים די שטילקייט
אין דעם אָוונט־דעמער.

טרעפן טעג געציילטע, ווען פון די הרי־חושך, פון די שוואַרצע תהומען,
באַפרייט זיך פון די קייטן דער דעמאָן פון די ימען,
קומט ער מיט זיין סוויטע פון פינסטערע טייוואָלים,
מיט רוגזהדיקע ווינטן אין אַ טאַנצנדיקן קאַראַהאָד,
שלעפּט אין זיך אריין אלץ וואָס טרעפט אין וועג:
פעלדער, וועלדער, שטעט, פייגל, מענטש און חיה,
און לאָזט נאָך זיך פאַרוויסטונג, חורבן, שרעק און טויט. –
נאָר באַלד קומט די רו, די גאָט־געבענטשטע רו, פון נאָך אַ הוראַקאַן,
ווען יעדער איינער פילט מיט אלע זיינע חושים
די שטילקייט וואָס בארירט, לאַשטשעט און פאַרשטילט,
און ווידער שיינט די זון מיט לעבן אויפדאָסניי.

יוגנט

י ו ג נ ט

אויף דער גאָט־געבענטשטער ערד — מיט הונדערט יאָר צוריק,
אין אַ געסל נאָנט לעם ים, אין אַ הייזל ריין און קליין —
איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ מלאכל אַ שיינס.
אויגן — פונקען צוויי, און אַ הארץ — אַ גרויס!
דער טאטע — אַ סאָלדאט פון שפּאנישער אַרמיי;
די מאַמע — א געטרייע צו דעם מאַן און קינד,
ווייס ניט פון קיין זינד, געהאָרכזאַם צום געבאָט
פון קירכע און פון קעניג, ווי אַלע פון איר שטאַנד,
פאָלקסטימליך און באַשיידן, שלעפּט אויף זיך דעם יאָך.

אין שול ער גייט, כאָסע, מיט אַלע קינדער גלייך.
דער לערער בייז און שטרייננג, רייסט, פליקט און קניפּט.
די אויערן — פון צופּן אויסגעצויגן, לאַנג;
נאָר יעדעס וואָרט אַנטפּלעקט אַזויפיל שיינקייט נייע,
ווי אַ ליכטיק שטעג, וואָס פירט צו וועלטן פרייע . . .

פון קינד אַ יינגל ווערט, אַן ערנסט אַ פארטראַכטער.
דאָס בוך א חבר זיינס, מיט אים זיין צייט פארטרייבט,
מיט אים זיין שפּיל און טרוים, מיט אים זיין רו און גליק,
זיין אינטמיסטער פריינט, וואָס דעקט אים אויף די וועלט
און ווייזט אים אמתן, וואָס זיינען נאָך פאַרשטעלט . . .

ער לערנט מיט התמדה, מיט פייער און מיט ברען.
ער טרינקט פון קוואַל פון וויסן פון זיין גרויסן לערער,
דער פאָטער פון זיין גייסט — דער ליבער מענטש מענדיוועי,
וועלכער האָט פאַר אים צעעפנט אַלע קוואַלן
און געלאָזט אים טרינקען פון א וועלט מיט וויסן
וואו די גרעסטע גייסטער האָבן זיך געטובלט
און זיך אָנגעטרונקען מיט ליכט פאַר אַלע צייטן
און פאַר אלע אייביקייטן.

די וועלט איז ביי אים ניט מער שוין צעטיילט פאַר קייסער און גאָט:
דער אויבערשטער שיכט איז דער הערשער פון אַלץ,
און דאָס פאָלק אין זיין גרויסקייט — געהאָרכזאַמער שקלאַף.
הייליק איז אַלץ פון באשאף! דער מענטש איז דער גאָט!
ראַסע, קאָליר — איז אַ פארבן־געציר פון דאָס העכסטע פון וועלט —
פון דעם מענטש!
אַ פארברעכער איז דער, וואָס זעט אין דעם צווייטן אַ שקלאַף.
פריי איז די וועלט, און פריי איז דער מענטש,
און פריי דאַרף זיין פאָלק און דאָס לאַנד פון געבורט.

אָרום איז פינסטער, חושך, כאָטש די זון זי שיינט!
דאָס פאָלק זיך רייסט פון קייט מיט אַל־דאָס־רעכט פון מענטש,
און די רוט פון שפּאַניער צעפּאַסט זיין יונגע לייב,
און דער גלה בענטשט די פאַרבלוטיקטע האנט וואָס שמייסט . . .
מאַרטי, ער זעט אין דעם אַ פארשוועכונג, א חילול־השם —
שמייסנדיק דעם מענטשן — שמייסט דאָך גאָט אַליין,
ער איז דאָך זיין צלם — אין פלייש און אין געביין.

קאַטאָרגע

קאַטאָרגע

שוואַרץ די גאַס. קוילן פליען רונד ארום. די מאַמע לויפט
ווי אַ מלאך מיט די פליגלען צו באַשיצן אָרעם קינד.
— וואו ביזטו איצט, כאַסע? קוילן, קוילן קומט צו מיר!
אויב באַשערט איז עס אין ברוסט פון אַ יונגן קעמפער־קינד,
האָב איך אַ גרויסע הארץ אויפצונעמען פאר די זינד . . .
אַלע קוילן אין געוואַי — פליט אַהער, אהער, צו מיר!

א מאַמעס הארץ אַנט פאַרויס, ניט אומזיסט געווען איר שרעק —
מאַרטי, איר אומשולדיק קינד, איז פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ,
פאַרצויגן פון אַ שוואַרצע האַנט, מיט בלוט־פאַרפלעקטע נעגל,
פאַר א בריוול וואָס געהתמעט צוזאַמען מיט זיין חבר,
און זעקס יאָר פאַר דעם געקראָגן פון די מערדער־ריכטער.

קייטן קלינגען, קייטן זינגען אויף די צאַרטע פיס מאַרטיס.
וואונדן רייסן און זיי בריען און זיי גליען אין זיין לייב.
דאָך די גרויזאַמקייט פון מענטשן ווייטאָקן אים מער ווי וואונד:
אַט אַ קינד נאָך, און אַ יתום — די עלטערן האָבן זיי געטויט —
זוכן איצט דעם קינד פאַרמוטשען א געשמידטן אין א קייט!
וואָס מיר וואונדן, ווער מיר וואונדן — אז א קינד פאַרגייט אין פיין,
ביז די הימלען דאַרף דערגרייכן זיין יסורימדיק געשריי!

וואָס מערליידן, ווערט געליטערט זיין נשמה ווי דורך פייער,
און די ליבע צו זיין פאָלק און צו זיין לאַנד — נאָך מערער טייער.
„ווען איך וואָלט איצט טויזנט לעבנס געהאַט פאַר זיך צו קלייבן
וואָלט איך אַלע זיי געוואָרפן אין דעם פייער צו פאַרבלייבן,
אויב דורך דעם ווי אַ פאַקל פאַר מיין פאָלק אויסברענען
זי זאָל אין מיר דעם וועקער צו פרייהייט דערקענען . . . ״

ס'איז נאַכט. אויפגעוואַכט, אויסגעשטעלט אין אַ ריי
גנבים, מערדער און פאַרברעכער, קינדער־קעמפער און דער נביא,
אַלע אין די זעלבע קייטן און דעם זעלבן קלאַנג פון טראַט.
גיי דערקאָן דאָ ווער איז טייוול, ווער איז מלאך, וועמ איז גאָט!
מיט די קירקעס און דעם בראך־שטאַנד און דעם האַמער און דער צוואַנג
און די רידלען מיט די טאַטשקעס אין טייוולאַנישער געזאַנג
פון פאַרפייניקטע אויף טויט, אויסגעמוטשעטע און קראַנק,
טאָג־טעגליך צו דער אַרבעט געטריבן אָן רחמנות,
צעממיתטע, פאַרחלשטע, זיפצן און יללות פאַרזאַלצענע מיט קללות...

אין דעם טיפן אָפּגרונט פון גיהנומדיקע ליידן דורך אַ פייער־פריזמע,
לייטערט זיך נשמה פון דעם גרויסן נביא, וועלכער ליגט געקייט'ט.
ער זעט פאַר זיך דעם מענטשן אין זיין ווילדסטן אויסדרוק, אין זיין
חיה־וואָרצל,
אין זיין שלאַנגען־גיפט, און זיין סאַדיסטיש פרייד אויף דעם קרבנס טויט;
און די קינדער־קעמפער — לינאָ פיגערעדאָ און כואַן דע דיאַס;
און דעם גרייז, דעם זקן — דאָן ניקאָלאַס — דעם בריגאַדיר פון
אויפשטאַנד —
מיט אייטערדיקע וואונדן אין צעפּאַסטע לייבער, און בלוט וואָס
שרייט צום הימל

פון מענטשן ווי די שאָטנס, שלעפּן זיך און פּויזשען, און שניידן
מיט די רינגען
זיך אַליין די לייבער. און עס הערן ניט אויף צו שלאָגן
ביימשנדיקע טרייבער.

— טאָג פאַרשאָלטענער! זון פאַרבלוטיקטע — יאַטערדיקע וואונד!
עפן ערד זיך אויף, נעם אריין צו זיך מיך, דעם אַרעסטאַנט!
עס זאָל דער פּאַטער ניט, דער שפּאַנישער סאָלדאַט, זען זיין קינד
אין קייט.
ער, וואָס האָט געהאָפט איך זאָל אַ הילף אים זיין אין זיין שווערער נויט,
זאָל איצט זיין קינד דאָ זען מיט וואונדן פול באַדעקט די צאַרטע,
יונגע לייב,
אין רינגען איינגעשמידט, ווי אַ פייער גליט ביי דעם קלענסטן טריט —
נעם מיך ערד אריין, דעק מיך, דעק מיך צו, גיב מיר ערד, מיין רו . . .

דעם טאַטנס פּנים בלאַס, ווי ער וואָלט אויך מיט מיר געגראָבן
אָט דעם קאַלך
אין די גראָבנס טיף. די אויגן — טייכן טרערן, און דאָס האַרץ — אַ ים
שטורעמט צער און וויי: — נאָ, מיין קינד, נעם צו, דאָס האָט
די מאַמע
דיך אַ מתּנה געשיקט, קליינע קישעלאַך אויפגעניים, עס זאָלן די רינגען
ניט שניידן מער דיין לייב, אָרעם קינד, דו מיינס!
און ער דריקט אים צו מיט די קייטן אַרום זיך, ווי ער וואָלט
אויך זיין האַרץ
אַריינגעפלאָכטן אין זיי, צוזאַמען מיט זיין קינדס
קעמפער־הערצער צוויי

אין אַ ים פון לייד, פון אייגענע און פרעמדע, טרינקט זיך גוף און גייסט.
פינסטער זיינען טעג, כאָטש די זון פון אויבן גיסט מיט ימען פייער,
פלייצט מיט שטראָמען ליכט.
עס פרעגלט קאַלך און שטויב די מאַטעריע אויף אין צעבלעזלטע וואונדן
פון מענטשן — טויט־שאָטנס אין די גראָבנס פויזשען,
ווערים ראַיען אין די מיסט.
און בײנאַכט אויף די נאַרעס און אויף דער ערד צעוואָרפן
פעקלאַך ביינער, גלידער,
ווי פון אַ יאַטקע־זאַק וואָלט איינער זיי ארויסגעשליידערט . . .
פאַר הינט דעם אָפּפאַל געבראַכט . . .
און אין ד׳רויך דער וועכטער — ווי דער טייוול לאַכט . . .

ניט קיין האַס, נאָר ליבע פלאַמט יסורים אויס.
ליידן — הייסט לעבן אין ריינסטן און הייליקסטן זין.
די קייטן זיינען לאַרבערס — די קרוינען אויף די פּיס,
פאַר אַלע די מאַרטירער פון גאָט אליין דערוויילט,
און געבענטשט מיט ליבע צו אַלץ וואָס אין באַשאַף.

אין אָפּגרונט פון ליידן פּראַלן אויף קוואַלן פון ליכט . . .
פאַרפלייצן דאָס האַרץ מיט ליבע, רחמנות און גוטסקייט.
האָסן איז אַ פאַרברעכן! ווייל האָסטו דעם צווייטן — האָסטו זיך אליין . . .
ווייל ער איז אַ מענטש אין דעם זעלבן צלם פון גאָט ווי דו,
און גאָט איז דאָך ליבע און טוגענד, גאָט איז — מענטש!
איז שעלט ניט און האָס ניט — נאָר ליב אים און בענטש! . . .

אין טיגל פון פייער, אין חבלי-לידה,
איז דער משיח פון קובא געבוירן.
אַ פאָלק, אַ פארשקלאַפטע, געוואַרט אויף זיין קומען,
געגרייט צו באפרייאונג, געגרייט צו קרבנות,
געוואַרט אויף זיין רופן צו רעוואָלט און צום קאמף.
מאַרטי, אָט דער נביא, דערפילט האָט זיין שליחות
מיט ריינעם געוויסן און געטליכן רוף.

אין גלות

אין גלות

א

מאַרטי איז באַפרייט. נאָר זיין היים, זיין שטאָט און זיין לאַנד,
זיין זון און זיין ליכט, זיין גראָז און זיין בוים,
זיין ערד און זיין ים, זיין פאָלק און זיין שטאָם,
פאַר וועמען ס'איז ליב אים די לייד, און איז שטענדיק קרבן געגרייט,
איז פאַרבאָטן פאַר אים — ער מוז אין גלות אַוועק . . .
דאָס איז דער גזר פון די הערשער — שפּאַניעס בלוטיקע שלעק . . .

מאַדריד — די קאָפּ האָט דער לייב פון לאַנג שוין פאַרלאָרן.
ער דרייט מיטן ווײדל אין לעצטער אימפּעריע־גסיסה,
און לאָזט זיך נאָך וואוילגיין אין בלוטיקע אָרגיעס
פון קעמפנדער קובאַ און פּוערטאָ ריקאָ,
וואָס האָבן דערדייפט שוין צום רוף פון באַפרייאונג,
און ווילן שוין מער ניט אויף זיך קיין שאַקאַלן,
וואָס זאָלן וואַמפּיריש די בלוט זיי אויסצאַפּן.

דאָס שפּאַנישע פאָלק איז אומשולדיק, אומוויסנד.
עס הערשט איבער אים די קרוין און די קירך.
מ'זוכט אים פאַרווילן אין קאַמפן פון אָקסן,
וואו ער ווערט פאַרטויבט, פאַראָקס'ט און פאַרטעמפּט . . .

זוכט ער אַ וועג צום האַרץ פון דעם שפּאַניער,
ער זאָל זיך דערוויסן פון גרויל און פון שאַנד
ווי עס ווערט פאַרפּייניקט זיין פאָלק און זיין לאַנד.

ער האָט ניט ווי דאַנטע געדיכטעט אַ גיהנום,
ער איז אין גיהנום געווען און געלעבט.
טונקט ער די פּען אין זיין אייגענעם וואונד
און שרייבט מיט זיין בלוט — דעם געשריי צו דער וועלט!
זאָל זיך דער מענטש פאַר זיך אליין שעמען
ווי טיף און פאַרזונקען אין אָפּגרונט קען זיין . . .
און זאָל ער דערפילן אַ טראָפּן פון פייער
ווי עס פלאַקערט זיין פאָלק אין גרויזאַמער פּיין . . .

אַרויס איז פון דרוק זיין ערשטלינג פון גייסט:
„די פּאָליטישע טורמע פון קובאַ״.
ווי אַ געשריי פון אַ לייב צווישן חיות פון וואַלד;
ווי אַ שיין פון אַ ליכט איבערן פינסטערן תהום;
ווי אַ שטים פון גאָט פון גיהנום אַרויס
איז עס פאַר טויזנטער שפּאַניער געווען,
וואָס האָבן זייער פּנים פאַר דער זון פאַרשטעלט,
ווייל זיי האָבן פאַרבלוטיקט זייער געוויסן דערזען . . .

מיט וואָרט און מיט פּען — ער רוט ניט קיין ווייל —
ער וועקט און רופט דעם געוויסן פון וועלט.
ער קלאַפּט אין דער טיר וואָס רעגירט מיט זיין לאַנד
און ער וואַרפט זיי אין פּנים די בלוטיקע שאַנד:
איר מאָרדעט דאָך דאָרט אייער אייגענעם קינד!
נישטאָ איז קיין גאָט צו פאַרגעבן די זינד.

די נויט און דער הונגער חברן זיך מיט אים.
ער קנעלט מיט די קינדער פון אייניקע פריינט.
ווייל ניט פון קיינעם קיין הילף אויף אַ האָר.
אַ מענטש דאַרף נאָר לעבן פון אייגענעם שוויים.
ער לערנט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.
שטודירט די געזעצן פון רוימישע רעכט
אין אַ וועלט אַזאַ פאַלשע פון בלויזע אומרעכט.

אַ קראַנקער ער ליגט צום דריטן מאָל שוין,
מען אָפּערירט און היילט אים די וואונדן,
די שניטן פון קייטן וואָס האָבן געלאָזן
אין זיין לייב די צייכנס פון טורמע . . .
לעם אים זיצט זיין חבר — דער ליבער פערמין,
וואָס איז פון דעם זעלביקן גיהנום אַנטלאָפן.

דער חבר פערמין לייענט אים פאָר
דעם שוידער און גרויל וואָס ער האָט באַשריבן:
— מען האָט אין דעם טאָג, דעם שווארצן פאַר קובאַ,
— אויף אייביקע צייטן אַ טרויער פאַרבליבן —
אַכט סטודענטן, אומשולדיקע קינדער,
ווי הינט צעשאָסן און בלוט האָט געפּליוצט;
דאָס לאַנד האָט פון איין ברעג צום צווייטן געציטערט,
אַלץ איז געוואָרן פאַרפינסטערט, פאַרביטערט.
די ערד האָט געקלאָגט. דער הימל געוויינט.
און דער ים אין זיין אומרו איז געוואָרן פאַרשטיינט . . .

אַ גאַנצע נאַכט, מאַרטי, ער וואַכט . . .
אויגן — קוואַלן צוויי וואָס טרערן,
פלייצן, גיסן איבער ברעגן;
און דאָס האַרץ — אַ פייער צאָרן —
שרפה'ט, פלאַקערט מיט נקמה,
וויל די גאַנצע וועלט פאַרברענען . . .
ווען ער זאָל קענען! ווען ער זאָל קענען!

ער זעט פאַר זיך די שטאָלצע יונגען,
שלאַנקע ווי די פאַלמע־שטאַמען,
שטייען מיט די קעפּ פאַרריסן
צו דעם הימל הויך געווענדעט,
ווי עס וואָלט די ערד געשענדט
איצט געוואָרן פון די מערדער,
און זיי ווילן ניט די בליקן,
די הייליקע, די ריינע,
מטמא זיין אין אָפּפאַל
און שיקן איבער גאָט —
פריי אַנטבלויזטע, און ווער — פאַרבונדן —
דעם לעצטן פונקען־טלי אין שוואַרצאַפּל צעצונדן . . .

ער שרייבט אַ ליד פון וויי.
אים דוכט זיך אַז ער הערט פון דאָרטן דעם געשריי,
און עס ברייננגט דער ווינט זיי אַלעמען אַהער.
אַ באַרג פון בלוט און מאַרך וואַקסט פאַר אים אַרויס.
ער ציטערט אויף פון שרעק — וואָס זאָל ער איצט טאָן? —

זאָל ער אָט דעם גרויל צעשפּרייטן איבער וועלט
און נקמה־פלאַמען צעצינדן איבעראַל?
צי רחמנות גאָר צום געפּאַלענעם מענטש,
וואָס איז געזונקען טיף ביז דעם אָפּגרונטס דנאָ,
און האָט פאַרלאָרן לאַנג דעם צלם אלהים,
בלויז דער טייוול הערשט און שרייט אַרויס פון אים?

אין וואַנזין לויפט ארום. קושט זיי יעדן אוים.
זאַפּט אַריין אין זיך גאָר דעם גרויל און צער
פון דעם שוואַרצן גזר — יונג־פאַרשניטענע לעבנס . . .
און ער קלאָגט אַרוים אַן איכה פאַר דער וועלט,
ווי דער נביא פון דעם גרויסן חורבן:
הפקר איז דאָס לעבן פון די בעסטע קינדער
אויף זיין אייגן ערד, אין זיין אייגן לאַנד!

זאַראַגאָסאַ

ב

ווייט פון גרוים־שטאָט, רעש און טומל,
רוט זיין גייסט אין זאַראַגאָסאַ.
עס פארציען זיך די וואונדן פון צעבלוטיקטער נשמה,
גיט אים מוט און קראפט צום לעבן.
אויפגעוואכט אויפסניי די יוגנט,
און דאָס האַרץ — אַ בלום צעעפנט,
שפילט פון אים אַרויס די לירע מיט צויבערליכע טענער
פון בייגקענדיקע טיפן . . .

ערגעץ זיצט און וואַרט אַ מיידל — ער זאָל קומען, ער זאָל קומען!
זי האָט אים דאָס האַרץ פאַרטרויט מיט אַלע אירע פלאַמען,
און ער — די סטרונעס פון זיין לירע — זי זאָל שפילן, זי זאָל שפילן,
ווי שיין און העררליך ס'איז דאָס לעבן פון פאַרייניקטע געפילן...

אָוונט שטילקייט, חלומט וואָר . . .
אונטער די לבנה שטראַלן לייענט ער אַ ליד איר פאָר.
איינגעטונקט אין בלאַסן שיין בליצן אויגן — שטערן פיר.
און די הערצער — פלאַמען צוויי — ניט באַ־ריר זיי, ניט באַריר . . .

אַ געזאַנג צום אַראַגאָן, צום סודות־פּולן עבראָ טייך,
צו דער צעבלומטער ערד — פּעט און זאַפטן־רייך,
און צו דער פרוי — דער קוואַל פון פרייד און גליק,
שפּילט ער אויף דעם שענסטן פערד אין געטליכע מוזיק.

אויפֿן וועג קיין מעקסיקע

אויפן וועג קיין מעקסיקע

א

ווען דאָס היימלאַנד איז פאַרבאָטן — זוכט מען היימישן אַ צווייטער,
וואו עס וואַרטן טאַטע־מאַמע און פאַרביינקטע שוועסטער,
וועלכע האָבן קובא פאַרלאָזן צוזאַמען צו זיין מיטן קינד.
וועט מעקסיקע ווערן זיין היימלאַנד, ווען אין אייגן לאַנד זיין איז אַ זינד . . .

כוואַליעס טאַנצן אַנטקעגן, קושן די ווענט פון דער שיף,
ער זעט האַוואַנער ברעגן אין דער בלויער טיף:
אַ ווייסער מאַרמאָר־חלום, אַ צויבערליכע שטאָט —
ווי קען מען איר באַרירן, קושן מיטן טראָט?

פאַר פרעמדן איז פריי דער אַראָפּגאַנג — דעם אייגענעם קינד איז פאַרווערט!
ער שטייט און ער שלינגט מיט די בליקן ווי דורך אַ נעפּל, פאַרטרערט . . .
ער וואָלט יעדער זעמדל און שטויבל צו זיין האַרצן געדריקט.
נאָר דער קען פילן אַזוי — וואָס ווערט פון זיין היימלאַנד פאַרשיקט.

די זון אַזוי ליב, אַזוי טייער, זי וואַרעמט, זי גלעט און זי טרייסט,
זי צינדט האָפענונג, גלויבן אין זיין פאַרצערטן געמיט.
ער וועט אין זיין לאַנד דאָ נאָך קומען, ער וועט איר באַפרייער נאָך זיין,
קובא, דו ליכטיקע, שיינע, קובאַ, דו האַרציקע מיין!

מעקסיקע

ב

שווערער־חושך אין דער לופט, טרויער־שאָטנס אויף די ווענט.
ס'האָט זיין שוועסטער ניט דערלעבט צו זען אים פארן טויט.
זי איז אַוועקגעפלויגן שטיל, ווי אַ ווייסע טויב,
געלאָזן בלויז אַן עבאָ פון דעם פליגל־פּאָך,
וועלכן יעדער איינער פילט ביים קלענסטן שאָרך,
און פארהילט אין טיפן־צער נאָך דעם גרויסן בראָך . . .

כאָסע איז איצט ביי זיי אַ לעבעדיקער־טרייסט.
די מאַמע פּאָרעט זיך אַרום איר גרויסן קינד —
זאָל ער כאָטש שוין רואיק זיין, לעבן אויך פאר זיך,
און ניט חלומען פון קעמפן פאר אַ גאַנצע וועלט . . .
דער טאַטע גלעט מיט ליבע־שטראַמען — רחמים־פולע בליקן.
די שוועסטער פארוועבן אים אין אַ היימישקייט וואָס וואַרעמט,
עס ווילט זיך קושן יעדן ווינקל ווי אַ געליבטע וואָס אומארעמט . . .

זיצט ער רואיק ביי דעם שרייבטיש מיט זיין געטליך לירע,
און ער ציט ארוים ניגונים פון נשמה־טיפן.
דינע קלאַנגען וויברירן אין דעם חלל פון אין־סופן,
פארוועבן אין דער אייביקייט די גאָטס־געבענטשטע סטראָפן.

וואָס גיסן זיך ארוים פון האַרץ אין פייער פון יצירה,
אַז די גאַנצע וועלט זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לירע . . .

•

„ליבע מיט ליבע באַצאָלט זיך" — כאַסעס נייסטע ווערק.
איין לאָזשע — פאַמיליע כוּארעז, דערנעבן — פאַמיליע מאַרטי,
צוזאַמען מיט פאָטער און מוטער זיצן די שוועסטער די פיר,
די אויגן פאַרגאָסן מיט טרערן, מיט טרערן פון פרייד און פון גליק,
אַ טראָפּן, אַ טראָפּן פון נחת פאַר ימען פון לייד און פון צער . . .
אונטער דעם שיין פון פּראָזשעקטאָר, און שטורעם פון אַפּלאָוז —
פון הונדערטער הענט וואָס קלאַפּן ווי טויבן מיט פליגל — אַ קרוין
פאַר דעם דיכטער, דעם שאַפער, פון הערצער באַגייסטערט — אַ לוין. —
נייגט ער זיך און באַדאַנקט, ווי אַ קינד אַ פאַרשעמטס,
טיף-גערירט פון פרייד מיט אַ האַרץ אַ פאַרקלעמטס . . .

פרויען אין שיק און גאַלאַנט, וואַרפן ווי פיילן דעם בליק,
נאָר איינער האָט ער דאָרט דערזען — איז עס אַ קוואַל פון מוזיק . . .
ניט נאָר די אויגן אַליין, איר גייגעל, איר שוועבנדער טראָט . . .
שטילע אַקאָרדן מיט טענער פון פאַרביינקטע גיטאַרעס
זינגען אַרויס פון איר ווערן, שפּילן אַרויס פון איר טראַכט,
און ציען אַזוי ווי דער פייער דעם שמעטערלינג צו פאַרברענען
מיט אַלע די פלאַמען פון ליבע דעם וואָס צו איר וועט גענענען . . .

זיין גליק איז נאָך טויזנט מאָל גרעסער — זי איז אַ קאַמאַגועיער —
אַ פּראָווינץ פון קובאַ באַרימט מיט די שענסטע פון פרויען,
איר, וועט ער זיין האַרץ אויף אייביק, אויף אייביק פאַרטרויען . . .
זיי גייען צוזאַמען פאַרברייגגען אין טעאַטער און אויף טענץ,
ער פילט איר וואַרעמן אָטעם, די שטייפע, די יונגינקע בריסט,

וואָס טוליען צו אים זיך ווי טויבן אין געפלאַטער פון טאַנץ,
אוןביידע פארחלומטע ציען איבער דעם גלאַנציקן דיל
מיט פ׳אמען וואָס ברענען אין הארצן בעת פיסלאך פלעכטן זיך שטיל,
צוויי נשמות פאראייניקט אין אַ ריטמישן, געטליכן שפּיל . . .

בוימער ווי די חופּות שטייען. סודות מורמלען־אוים די צווייגן.
און די בלעטער, זאַפטיק גרינע, אָטעמען מיט ערדיש ריח.
פון די אַלטע, דיקע שטאַמען שפּרודלען קוואלן פון די טיפן
דורך די מיילער פון די וואָרצלען, וואָס באהעפט מיט סוד פון לעבן,
און זיי וועבן די אַלייען פאַר די פּאָרלאַך פון פארליבטע
וועלכע קומען זייערע הערצער צו די בוימער אָנפּארטרויען . . .

פּאָרלאַך טוליען זיך און ליבן, זוכן ווינקלען, שטילע שאָטנס,
עס זאָל קיין פרעמדער ניט פארשוועכן די הייליקע געפילן.
צוגעטוליעט און געאַרעמט פירט מארטי זיין ליבסטע, קאַרמען,
דורך די שאָטנס פון אַלייען רייסן זיך אריין די שטראַלן
און באַגלייטן זיי מיט ברכות, וואָס נאָר דיכטער קענען הערן . . .
און אַ ווינטל יאָגט פון צפון, שפּילט אויף צווייגן ווי אויף סטרונעס,
יעדעס בלעטל איז אַ נאָטע פון אַ הערליכער מוזיק . . .

טעג געבענטשטע, נעכט פארטרוימטע, אָוונטן פון פרייד און גליק.
ס׳איז אים ליב דאָך אַלע ווינקלען אין דער היים, דער היים דער נייער.
די מאמינקע, די גוטינקע, די שטילינקע און צאַרטע
שאַרט זיך אויף די פינגער־שפּיצן, קעכלט אים און ניאַניעט.
דער טאטע פּאַרעט זיך אַרום — ער וויל זיין זיין פּאַרזיסן . . .
און די שוועסטער, הארציקע — אויסגעביינקט, פארחלומט —
שפּינען־אויס די היימישקייט, פון פרייד און גליק און שלום.

ניט לאנג האָט אָנגעהאלטן רו — די היים איז איינגעפאַלן . . .
אַ שטורעם, אַ פּאָליטישער, און רעליגיעזע קאמפן
האָט אויפגעטרייסלט מעקסיקע. די פריינט זיינען צעלאָפן . . .
און ער, אן אומשולדיקער, האָט זיך געמוזט פארבאהאלטן,
כאָטש ליבע בלויז האָט ער ביים פאָלק איינגעפלאַנצט צום מענטשן,
מיט זיין ערליך וואָרט און שריפט אמתן געפּריידיקט,
וואָס לייכטן היינט נאָך אזוי קלאָר, און וועלן לייכטן אייביק.

אינקאגניטא

אינקאָגניטאָ

ווי זים עס זאָל ניט זיין די פרעמד און ביטער — די היים,
איז ליבער דאָך די ביטערניש אין דעם אייגן לאַנד.
אויף יעדן שפּאַן וואָס דו גיסט פילסטו דאָך דיין ערד . . .
יעדער שטויבל היימישט, יעדעס בלעטל גלעט,
יעדעס ווינטל טרייסט, יעדעס שטיינדל רעדט.
דיינע זיינען שטעטלאַך, דיינע זיינען שטעט,
און די פעלדער, דערפער, וואָס דיין אויג נאָר זעט.

אינקאָגניטאָ אין האוואנא גייט אַרום כוליאַן פּרץ . . .
אין קאָנטאַקט מיט די רעבעלן. זוכט ער נייעם מוט צו געבן
די פארמאטערטע און מידע, טרייע זין פון קובאַ,
וועלכע קעמפן מיט עקשנות מיט די פרעמדע הערשער,
וואָס צאַפּן אויס דאָס בלוט פון פארשקלאפטן פאָלק.

— אָרעם פאָלק דו מיינס, ווי שרעקליך דו זעסט-אויס!
די רוט ניט רוט קיין וויל, זי פאָלמעסט דיין געביין.
איבערן גאנצן לאנד — אַ יאָמערליך געוויין . . .
פעלדער — קויל-פארברענטע, „אינכעניאָס" — אַש און שטויב.
וואו דו קערסט זיך — חורבן, דיין אייגן אויג ניט גלויבסט!
און מגפות פול זיך אויסגעשפרייט, צעלייגט . . .

פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן — פון גאָט און פון מענטש —
וואָס איר האָט — מערדער־פאָלק — פון מיין לאַנד געמאַכט . . .

אַדיע, מיין ליבע היים — פארבלוטיקטע האוואנא!
איך וועל צו דיר נאָך קומען מיט שווערד און ביקס געלאָדן,
און דיין פארוואונדעט לייב מיט מיין בלוט נאָך באָדן . . .
אויסשווייבקען די וואונדן, אויסקושן די ביילן,
אויסווישן די טרערן פון דיין פאַרצערטן פנים,
און ברייגנען דיר די פרייהייט אויף אייביק און אויף שטענדיק
מיט אונדזער לייב און לעבן, ווען שלאַכט וועט זיין פאַרענדיקט . . .

גואטאמאלא

גוואַטעמאַלאַ

גוואַטעמאַלאַ, רו און פרידן.
יוגנט איז פון אים באַגייסטערט.
יעדע לעקציע איז אַ קונסט-ווערק
אויסגעפורעמט פון אַ מייסטער —
וועט נשמה נחת-רוח אפשר דאָ אַמאָל געפינען,
און דעם ראָזן יוגנט-חלום לאָזן רואיק שפינען? . . .

אין דער היים פון גראַנאַדאַס איז ער אָפט געקומען,
די איינזאַמקייט און עלנט פון דער פרעמד פאַרטרייבן,
ווען די אָוונט-שאָטנס צעלייגן זיך ווי שלאַנגען,
גריזשען דיך אין האַרצן, פאַרגיפטן דיך מיט ספיקות,
אין דיינע אייגענע פיר ווענט האָסטו מורא צו פאַרבלייבן . . .

געווען איז דאָרט אַ טאָכטער, אַ בלום אין פריען-פרילינג.
דאָס האַרץ אַ קנאָספּ צעעפנט אין אַ וועלט פון טרוימען.
קוואלן ליבע-שטראָמען שפּרודלען אין די טיפן,
ווילן וועלט פאַרשווייִנקען מיט פייערדיקע גלוטן,
רייסן פון די אָדערן, ווי לאַוועס אין די בלוטן . . .

דער פּנים ראָזלעך מאַט, ווי מיט טוי פאַרצויגן.
די אויגן טיפע, גליען — צוויי שקיעות מיטאַמאָל . . .

אַן עקזאָטיש בלום, בויגעוודיק און שלאַנק,
אַ שטייגל פון אַ רויז — מיט אַ זונען קרוין . . .
פון גאָט אַליין געבענטשט מיט אַ ים פון חן.

דאָס קינד פון גואַטעמאַלאַ, די אָרעמע מאַריאַ,
האָט אין מאַרטי, פון אָנהויב, בלויז אַ פּרינץ דערזען.
אַ מאַן מיט קלאָרן שׂכל, מיט אַ וועלט פון וויסן,
אַ דיכטער און אַ דענקער, אַ קעמפער און מאַרטירער.
מ׳פילט אין זיין געזעלשאַפט דערהויבן זיך אַליין.

אין שמועסן געמיטליכע, אָוונטן פאַרגייען.
שטערנדלאַך זיי צינדן זיך ווי שטענדיק אין דעם הימל,
נאָר עפּעס איז אַ סוד פאַראַן, אַ סוד אין דעם געוווימל,
וואָס קיינער, קיינער ווייס עס ניט, און קיינער וועט עס וויסן,
ווען עס האָט אין האַרץ ביי איר אַ קוואַל זיך אויפגעריסן . . .

דאַכט זיך איז ווי שטענדיק היינט — דאָך איז ער אַ צווייטער,
ס׳איז ניט דער זעלביקער מאַרטי — נאָר אַן אויסגעטרוימטער ריטער,
וואָס געקומען איז פון ווייט אויף אַ פערד צורייטן
זיין געליבטע זוכן דאָ, און ער וועט ניט רוען
ביז ער וועט געפינען איר — די שענסטע פון די פרויען.

זוכט ער איר נאָך אַלץ אַרום? — ער האָט דאָך איר געפונען! —
פילט ער ניט נעבן איר ווי דאָס האַרץ זי ציטערט
פון זיין יעדן בליק און ריר, פון זיין קול און אָטעם,
אַז דער עכאָ פון זיין שטים שוועבט אַרום אין צימער
ווען זי איז אַליין מיט זיך אין בלויען אָוונט-שימער? . . .

עפּעס בלאַסט דער פּנים אירס און די אויגן גליען —
ווי קען ער דערקלערן איר? וואָס זאָל ער איר זאָגן? —
אַז זיין פּאַרמען ווארט אויף אים ער זאָל צו איר שוין קומען,
און ליבן קען ער איינע נאָר, און זי האָט צוגענומען
זיין האַרץ, זיין האַרץ שוין לאַנג פון אים —
אַט דאַכט זיך וועט ער זאָגן איר . . . — און בלייבט פאַרקלעמט
אין שטומען.

מאַרטי, ער פאָרט איצט הייראַטן, ברײנגען זיין געליבטע.
זעגענען זיך אַלע אָפּ, זעגנט זיך מאַריא,
זי גיט אים אַ קמיע מיט — ער זאָל איר געדיינקען —
אַ פּערפומירטע קישעלע און איר האַרץ אין מיטן,
וואָס זי האָט אַריינגעניים פון אומגליק צו פאַרהיטן.

געקומען איז מאַרטי צוריק אַ גליקליכער, פאַרהייראַט.
בויען וועט ער איצט זיין היים אין שלום און אין שלוה.
ביי דער זייט אַ שטאָלצע גייט קאַרמען צוגעטוליעט,
ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זי אין אָרעם איצט געהאַלטן,
זאָלן אַלע זען איר גליק, פאַר וועמען אויסבאַהאַלטן?

מאַריא לויפט אַ ווילדע אום, זי גלויבט ניט אירע אויגן —
זאָל אַ צווייטע אין די אָרעמס איר געליבטן האַלטן?
אַז געדאַרפט האָט ער דאָך זיין אירס, אירס אינגאַנצן,
זי האָט דאָך אים אוועקגעשיינקט איר גאַנצן יוגנט-פייער! . . .
ווער קען ליבן נאָך אַזוי? ווער קען זיין געטרייער?

עפּעם איז די גאַנצע וועלט אַ פרעמדע איר געוואָרן.
קיינער קען איר ניט פאַרשטיין און איר טרויער פילן.
געלעבט האָט זי פאַר איינעם נאָר און אים האָט זי פאַרלאָרן . . .
וואָס וועט זי דאָ שאָטענען בעת געדאַרפט גאָר זונען . . .
איצט איז אַלץ פאַרלאָרן שוין, דער טרוים איז אויסגערונען . . .

אַוועק איז זי צום שטילן טייך אים זיך איבערגעבן,
און ער האָט אין די אָרעמס איר ווי א געליבטע איינגעטוליעט,
ווי אַ קינד אין וויגעלע אויף די כוואַליעס איר פאַרליוליעט . . .
איינגעשלאָפן איז אויף אייביק, איינגעשטילט מאַריע,
און דער הימל אין די וואָלקנס האָט געריסן קריעה . . .

ווי דער טייך אומשולדיק, ריין, איז מאַרטי געווען —
אין אים — איר ליבע געוואָרפן, און אין טייך — איר לעבן.
ביידע — קוואַלן פון גאָט, וואָס זיינען פאַרביי איר געפלאָסן,
ווען זי האָט געזוכט דעם פייער פון לעבן, דעם פייער פון ליבע
פאַרטרויען,
און אַליין דעם אייגענעם פלאַם אין וואַסער מיט וואַסער פאַרלאָשן . . .

באַוויינט, באַקלאָגט, באַזונגען מאַרטי דאָס קינד פון גואַטעמאַלאַ:
ערליך געווען איז איר ליבע, ריין ווי די זון פון באַגין.
„זי איז ניט געשטאָרבן פון וואַסער, פון קעלט, זי איז געשטאָרבן
פון ליבע".
אַ געטליכער פייער אין איר האָט געוועבט הייליקע, הימלשע-טרוימען
און זי איז אַוועק פון דער וועלט אומבאַפלעקט — אַ שטערן אין
נאַכטיקע רוימען . . .

אין האוואנא

אין האַוואַנאַ

א פאַלשער פרייהייטס־ווינטל האָט אַ בלאָז געגעבן —
אַמנעסטיע פאַר די קעמפער — אין טורמעס און אין גלות.
קומען זיין צעלויפן ווי מיט אַדלער פליגל,
דעם שוועל פון דער היים קושן, די ערד, די ליבע, טרייע . . .
וואָס איז וו' אַ מאַמע פאַר אַלע מענטשן־קינדער —
בעת מען האָט איר, ווייס מען ניט צו שעצן איר און היטן,
ביים פאַרלוסט דערפילט מען ערשט — ווי הייליק איז און טייער! . . .

אַן אייגן היים, אויף אייגן ערד, אין דער שטאָט דער ליבער,
מיט קאָרמענען ביים זייט — אַ טרוים וועט זיין דאָס לעבן! —
נאָר באַלד האָט ער דערשנאַפט דעם פאַלשן גלאַנץ פון זון . . . —
אַ רויטער פייער־קנוט אויף צו צאַפּן בלוט
פון דעם אָרעם פאָלק, וואָס מיד איז שוין פון קאַמף,
דריקט די האַנט פון שלום און באַמערקט ניט רוט . . .

ער וואָרנט און ער צאָרנט: „גלויבט ניט זייער וואָרט!
זיי ווילן אייך פאַרשטילן, דערשטיקן מוט צום קאַמף!
די צוגעזאָגטע פרייהייט, האָט קיין האַפט, קיין ווערט!
קיין פאָלק איז ניט געוואָרן זעלבסטשטענדיק דורך חסד . . .
אויב ניט געצאָלט מיט בלוט פאַר יעדן שפּאַן ערד!“

ער רוט ניט טאָג און נאַכט: רופט, וועקט און וואָרנט.
די שפּאַניער, די הערשער, זיינען אויפגעצאָרנט:
— וואָס וויל ער, דער „געפערליכער משוגענער" מאַרטי?
וואָס רייצט ער נאָך דאָס פאָלק? וואָס וויל ער נאָך פון אים?
עס קלאָגט דאָך פון דער ערד אַרויס אַ יאָמערליכע שטים . . .

דאָס פאָלק האָט אין אים דערקענט דעם פירער און דעם נביא.
ער פליקט אַראָפּ די פאַלשע מאַסקע — ווייזט דעם בלוטיק־פּרצוף! . . .
ביסלעכווייז דערקאָנען זיי דעם קערן פון דעם אמת,
וואָס ער זייט און שפּרייט פאַר זיי, ווי די פרייהייט־זאָמען.
עס טראָגט פון מויל צו מויל זיך אום, איבערן לייענג פון אינדזל,
ווי אַ נייע שטערן־ליכט — זיין לעגענדאַרער נאָמען.

אַ שטילע נאכט, אַ הערליכע, אַ טראָפּישע פאַרסודעט . . .
עס רוט די וועלט אין זיסן שלאָף, און אַ טרוים זיך הוידעט
איבער יעדער ווינקלע, איבער יעדער בעט;
און עס ציען פעדים זיך פון שטערנדלאַך וואָס שפּינען
ליכטיקע חלומותן ביי יעדערן אין זינען . . .

מ׳קלאַפּט אין טיר: „מאַרטי, שטיי־אויף! קום מיט אונדז!" . . .
דער לעצטער קוש מיט טרערן ברעט אויף ביידנס ליפּן.
זי איז געבליבן מיטן קינד אַן עלנטע אין מיט פון נאכט,
און אים — אַ בלום אַרויסגעריסן פונעם האַרץ פון פרילינג,
ווידער וואנדער גלותן, נע־ונעד פאַרטריבן . . .

מאדריד

מ אַ ד ר י ד

אִיבער די גאַסן מאַדרידער אַן איינזאַמער שלעפּט זיך מאַרטי.
דאָס האַרץ פון ביינקשאַפט צעריסן פון ליבע צו פרוי און צו קינד.
עס פּייניקט אין אים דער געוויסן — אחריות פון פאָטער און מאַן —
מיט זיך קען ער טאָן וואָס ער וויל, זיך ברייננגען פאַר קרבן פון לאַנד.
נאָר דאָס קינד וואָס אין וויגעלע טרוימט, און די פרוי נאָך ליבע
וואָס ביינקט,
האָט ער א רעכט אויך אויף זיי, צו שלעפּן אין פייער און פלאַם? . . .

דערהאלטן אַ בריוו, וואָס געוואַרט וואָכן און וואָכן אויף אים.
ער קושט דעם קאָנווערט מיט טרערן פון פרייד און פון צער.
ער לייענט און גלויבט ניט אַליין . . . ווי עס וואָלטן קיין אותיות געוועזן,
נאָר מעסערס געוואָרפן אין האַרץ שניידן מיט גיפטיקן ברען:
„ווילסטו גוט־מאַכן אַ וועלט, אויפן חשבון פון פרוי און פון קינד;
איז דאָס ניט אַליין דער גרעסטער פאַרברעכן און זינד?“ . . .

— וואָס זאָל איך איר ענטפערן, וואָס? איז זי באמת גערעכט?
מעג איך דערלאָזן מיין קינד זאָל וואקסן אַ שפּאַנישער קנעכט?
אין דעם גייט דאָך דער קאַמף — דער וואוילזיין פאַר קינד און פאַר לאַנד
און פאַר מיליאָנען קינדער ווי מיינס — שקלאַפן צו שפּאָט און צו שאַנד . . .

ניין! איך וועל מיט דער ליבע צו זיי, נאָך שטאַרקער פאַרבינדן אין בונט
מיט אַלע וואָס זיינען געגרייט אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס ביזן גרונט!

שיין איז די שטאָט מאַדריד. ס׳איז דאָ וואָס צו לערנען ביי איר.
נישט אַלץ איז פאַרפוילט און פאַרשווארצט; ס׳איז דאָ נאָך
א פאָלק א באהארצטס . . .
און דיכטער, קינסטלער און מאלער, וואָס וועקן דעם מענטשן פון שלאָף,
ווייל זיי, פון אָלימפּישער הויך, פילן דעם שיין פון טאָג . . .
באזוכט דעם מוזעאום פון פּראַדאָ, באגייסטערט פון טיסיאַנאָ און גאָיאַ,
זעט אין דעם פּענזל פון מייסטער — דעם אייביקן פאקל פון מאָרגן,
וואָס האָט באלויכטן די ווענט אין בלוטיקן קאמף מיט טיראַנען,
און עס טראָגן אים אלע די קעמפער פון פעלקער צו פרייהייט וואָס
שפּאַנען . . .

ער זעט די שוועבנדע טענצער פון כאַטאַ און פלאַמענקאָ,
וואָס טראָגן אין זיך די בלוטן פון ייִד, מור און ציגיינער;
ווי עס וואַלטן פון זיי ניטגוטע — שדים און רוחות געפלויגן
מיט די שפּיצפינגער וואָס גלעטן, צערטלען און לאַשטשען דעם דיל,
אַזוי ווי די האַנט פון אַ מאַמע איבער דעם פּנים פון קינד,
און זינגען מיט די קאַסטאַניעטן מיט פאַרכישופטע־פינגער,
וואָס צאַפּלען ווי מאַריאָנעטן, ווי ליליפּוטן־זינגער . . .

אין דער פּלאַזאַ דע טאָראָס — פון די גרויסע אָקסן־קאמפן,
זיצט דאָס פאָלק און דער אָדל מיט אויגן צום צענטער פון רינג.
אַן אָקס פון שווארצער גבורה טראָגט אויף די הערנער דעם טויט;
נעבן אים, דער טאָרעראָ — מיט אַ טוך בלוטיק רויט

פירט דעם אָקס ווי אַ מייסטער, וואָס דיריגירט מיטן האנט,
לאָזט אים פארביי אויף אַ האָר . . . — דאָס פובליקום ווילד און
געשפאַנט
ביי יעדן גלעט פון דעם טויט — אָלע! — אָלע! — אָלע!
און ער, דער טאָרעראָ געשטאָלט, געוואויגן, געמאָסטן דעם טראָט,
פירט דעם טויט ארום זיך, ווי אַ וויכער ארום און ארום,
ער שטעלט זיך אוועק אויף די קני — זיי קוקן זיך ביידע אָן שטום . . .
און אָט, דער אָקס איז געגרייט מיט די הערנער פונקט אויף אים;
פארלויפט ער אים קעציש געשווינט מיטן שאַרף פון דעם שפּיז,
גיט זיך אַ וואקל דער אָקס . . . און אַ חיהשער ברום
רייסט פון די מענטשן אַרויס... פארוואַרפן מיט בלומען און היט
דעם זיגער וואָס גייט און פאַרנייגט, מיט מאַיעסטעטישע טריט.

אין דרויסן איז כמורנעדיק הארבסט. די בלעטער פון בוימער צעפאַלן.
און ביי אים אין הארץ — אַ געוואַי פון שאקאלן . . .
ווי לאנג וועט ער שלעפן זיך דאָ אָן איינזאַמער, אַ פארשיקטער,
אונטער אַ שטענדיקער וואך, פון פיינליכן-צער אַ דערשטיקטער? . . .
זוכט ער, קלערט און טראכט, און עס געלינגט אים אַ נאכט —
שפּאנט דעם גרעניץ אַריבער . . .
פריי איז פאַר אים איצט די וועלט, אויף פראַנצויזישער ערד,
און ער ציט צו דער שטאָט פון אייביקער ליבע און ליכט . . .

פאריז

פ אַ ר י ז

פּלאַצן אין סודות פאַרהילטע, לעגענדעס פון שטיין
אויסגעהאמערט.
בולוואַרן אויף מיילן זיך ציען, אין רחבות און גדולה צעשפּרייט.
און פאַרלאָך פאַרליבטע שטראָמען ווי קוואַלן פון אייביקער יוגנט,
איינס אין דעם צווייטן געטוליעט, קושן זיך פריי און נאַטירליך,
אַזוי ווי די טויבן פון אויבן אויף די שפּיצן פון דעכער, קאַרניזן,
ליפּן אין ליפּן גליען מיט פייער פון הארצן געצונדן;
ביידע פאַראייניקט אין פלאַמען אויף אייביק צוזאמענגעבונדן . . .

שפּאַצירט זיך דער דיכטער מאַרטי, זיין אויג איז פון אַלץ זיך מחיה.
די פרויען מיט גראַציע און שיק, שפּאַנען אַזוי ווי די שוואַנען,
טריט — שטילע מוזיק, שוועבן ווי אין הימל קאַראַוואַנען.
לייכט איז דאָס לעבן און גרינג, אַזוי ווי דער שוים פון דעם בעכער . . .
ווי קליין ס'זאָל ניט אויסזען דער מענטש — פילט זיך דערהויבן
און העכער.

ביינאַכט, די בולוואַרן פאַרפּלייצט פון געזאַנג, מוזיק און פון ליבע,
שוימיקער, זידנדער וויין; רייצנדער, תאווה־פול פרוי.
דאָ ווערט פאַרגעסן דער פּיין, צעשוואומען די בלייענע גרוי;
עס ווילט זיך איצט לעבן מיט אַלע, הויבן דעם כוס מיט שאַמפּאַן,
און פילן דעם אייגענעם פייער, וואָס איז אין הארצן פאַראַן . . .

עס וויגן זיך פֿאַרלאָך פֿאַרליבטע איבער דעם שפּיגל פֿון דיל,
איבערגעקערט איז דער הימל — אויגן שטערנען דאָ פֿיל.
פֿרעכטיקע, הערליכע טענער פֿאַרהילן אין שלייער פֿון טרוים;
וועלטן פֿאַרכישופֿטע מיניען, שוועבן פֿאַר זיי אין דעם רוים,
ציען צו ווייטע אין־סופֿן פֿון וועלכע זיי אַנען קוים . . .

עס ציט זיך דער סען — אַ לענטע פֿון טיפֿן געוועבט
פֿאַר דער אייביקער שטאָט פֿון ליכט, פֿאַר דער אייביקער שטאָט וואָס לעבט.
אין אים שפּיגלען זיך שטראַלן און אויך די שאָטנס פֿון נאַכט,
דאָס געזאַנג פֿון קינדער־מלאכים, און אויך פֿון טייוול־וואָס לאַכט.
דער גאָלדענער גלאַנץ פֿון קופּאָלן, די טראַנטעס פֿון דעם טרעמפּ,
די ביכער פֿון קינסטלער און דיכטער, די בילדער פֿון מאָלער און טרוימער
איבער דיין שטיינערנעם ראַנד — געטרייער און אייביקער שומר . . .

אויף דעם באַרג, אין דער הויך, שטייט דער סאַקריקער,
און אין שאָטן פֿון אים — אַ מאָנומענט פֿון אַ קינד,
פֿאַר דער קירליכער מאָרד, פֿאַר אומפֿאַרגעבליכע זינד . . .
און אַרום און אַרום, דער באַרימטער מאַנמאַרט:
קאַפֿעס און קאַבאַרעטס אין שמאָלינקע געסלאָך פֿאַרשפּאַרט.
ביינאַכט טאָגט דאָרט אויף מיט מוזיק, ליבע און וויין;
דער וואָס האָט קיינמאָל געטרונקען וועט דאָרט אַ שיכורער זיין . . .

און דער צירונג פֿון שטאָט — די פֿאַרצויבערטע נאָטערדאַם,
כ׳וויים ניט צו ס׳רוט דאָרטן גאָט — נאָר דער מענטש, אויף געוויס,
ס׳האָבן איר דורות געבויט מיט קינסטליכע וויזע אַ ים;

זי וואַקסט אַרויס פון דער ערד ווי אַ הערליכער שטאַם
וואָס ציט צו דעם הימל אין דרויך, און וויל אים דערגרייכן מן־הסתם...

מאַנפאַרנאַס — אַ בינע אויף מיטן גאַס, פאַר קינסטלער און טרוימער:
טישלאַך, מיט יונגע קעפּ — קודלעס ווי קוסטעס פון דזשאַנגל,
פּליכעס — מדבריות וואָס גלאַנצן; אויגן — פאַרנעפּלט, פאַרחלומט,
אויגן ווי שטערן און זונען, אויגן מיט בליקן ווי שפּיזן,
אויגן וואָס גלעטן און רופן, בעטן און זיינען מתפּלל,
אויגן וואָס זאָגן הלל — ס'איז יום־טוב אויף דער וועלט . . .
גרופּעסווייז הויבן זיך כוסות — קושן־געקלאַנג פון לחיימס.
אַנדערע, זיצן פאַראייניזאַמט — ווי אַן אבל נאָך אַ לויה . . .

בעכערס קריסטאַלענע יוירן מיט שוימיקן גאָלדן שאַמפּאַניער —
ביי איינעם, זיי וועבן כימערעס פון וועלטן אין ליבע פאַרשפּונען;
אַ צווייטן — פאַטאַמאַרגאַנאַס וואָס ווערן פאַר די אויגן צערונען;
אַ דריטן — צויבער־מיראַזשן פאַרכישופן אַלע אַרומען;
אַ פערטן, פאַרשיכורט, אַליין צו דעם בעכער ער לאַכט,
דער שלייער פון טרוימען צעריסן — נאַקעט די וועלט ווי די נאַכט,
אַן האַרץ, אַן געפיל, אַן געוויסן — אַלץ צום אָפּגרונט קראַכט . . .

צעקלינגען אין נאַכט זיך די כוסות אין אַ שיכרותדיקן כאָר,
טויזנטער הענט זיך הויבן — אַ געבעט צום גאָט פון אַמאָר!
דער ווייַן ווערט פאַרוואַנדלט אין פייער, צינדט־אָן בלוט מיט תאווה,
דריקן זיך לייבער צו לייבער — פלאַמען מיט פלאַמען געפלאָכטן!
ליפּן — ווי בעכער צו בעכער מיט ליבע איבערגעגאָסן,
און אַלץ ווערט אויף דער נאַכט אין פייער צוזאַמענגעשלאָסן . . .

מארטי גייט פארחלומט ארום. פאריז דארף מען לערנען און קענען.
עס שטייט די קאמונע־וואנט שטום, כאטש די שטיינער ברענען,
דערציילן פון א ליכט וואס האט דער וועלט באלויכטן:
פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט — א טרוים א ניט דערגרייכטן...
די קייט אין דער האנט פון דער פרוי — דער סימבאל פון דער רעפובליק,
איז פארזשאווערט און גרוי — ווייט נאך פון מענטשליכן גליק . . .
דאך איז דער צייכן געגוג — דער קלאנג פון דער קייט אין צערים
טראגט אין דער וועלט זיך ארום, וועקט, רופט און מאנט
צו פעלקער און מענטשליכע פרייהייט, וואס קומען וועט קומען
געוויס . . .

אין די גאלעריעס פון לואווער — דער פאלאץ פון קונסט און גייסט —
לערנט ער אייביקע ווערטן פון איבער צייט און רוים.
די געטליכע קראפט פון דע ווינטשי, וואס לעבט פון דעם לייוונט ארויס;
דעם כישוף פון דעם פענזל, געפירט פון געניאלן רעמבראנדט,
און הונדערטער מאלער, ווי שטערן, וואס שיינען אראפ פון דער וואנט,
ווי גאט אליין וואלט געמאלן מיט יעדן איינעמס האנט . . .

ביי די קינסטלער די ריזן — הוגא און וואלטאיר,
האט ער זיין גאלדענע פען מייסטערהאפט געשליפן.
און זיין ליד האט געקוואלט ווי קריסטאל פון די טיפן.
ער וואלט דא פארבליבן אויף לאנג, מיט הוגאן קאלעגיאליש פארבראכט,
ווען ניט דער רוף פון דער צייט, נענטער צו זיין לעם דער היים,
וואס איז טויזנט מאל ליבער אין ווייט, געזען דורך א פריזמע פון
טרוים . . .

ניו-יאָרק

נ י ו - י אָ ר ק

פון שטורמישן ים איז אַנטקעגן געלאָפן די פרייהייט-סטאַטוע
מיט פאַקל צעצונדן,
ווי אַ שוועסטער נעמט-אויף איר ברודער פון וואַנדער און וואָגל.
זיין הארץ איז פול צער און פיין — פון טרערן אַ לאָגל;
אפשר וועט אימעצער דאָ אים היילן די וואונדן? . . .

אַ ריזיקער פעלדז, ווי אַ צונג פון דעם ים ביים האָדסאָן,
אַ וואַלד פון מויערן, הויכע, שלאַנקע, שטיינערנע ריזן,
ווי נאָך אַ ציקלאָן די נאַקעטע שטאַמען פון פאַלמעס —
די סמאַראַגדענע קרוינען אראָפּגעפליקט און צעריסן . . .

ס'האָבן דאָ טאָג ווי נאַכט אין דעם פעלדז געהאַמערט
מענטשן ליליפוטן, אויף וועמען דער שטויב איז געפאַלן
און פארשטיינערט די הערצער. וואָס האָבן צום שטיין זיך געקלאַמערט:
זעלטן ווער עס באַמערקט — אַז אַ מענטש איז געפאַלן . . .

ס'האָט זיך געביטן די צייט — מע גיסט ניט קיין גאָלדענע קאַלב,
ווי אַמאָל אין דער מדבר. מ'בויט פאַר דעם גאָלדענעם גאָט
מזבחות פאַר מענטשן-קרבנות — אין פארשטיקטע, פאַרדומפּטע
פאַבריקן:
אַ בימה פאַר פּריסטער-מאַגנאַטן — אַ מעכטיקע, ריזיקע שטאָט!

דער מענטש, אין געאייל אין געלאָף, שטענדיק געיאָגט אין גאַלאָפּ,
ווי עס וואָלט אַ טאָרנאַדע אין אים געוויכערט, געשטורעמט, געדרייט,
געשלעפּט מיט אַ מעכטיקע קראַפט: האַרי-אָפּ, האַרי-אָפּ, האַרי-אָפּ!...
ווי דער פּאַס, ווי די ראָד און דינאַמע — אין אייביקער אומרו געשפּרייט.

ביינאַכט, בראָדוויי און טיימס-סקווער — אַן אַנדער וועלט, אַ פרעמדע,
די ווייסע מילך-וועג פון שטערן וועבט דאָ אויס אַ לעגענדע...
קאַפעס, טעאַטערס, קאַבאַרעטס שווייבלען און גריבלען אין פּראַכט.
ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז איצטער איז מיטן-נאַכט?...

פרויען אין פליוש און אין זייד; מענער אין פראַק און צילינדער,
שפּרייזן מאַיעסטעטיש פאַרגדולהט — ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געהוליעט!
ליכטיקע מענטשן-שטראָמען קוואַלן אַרויף און אַראָפּ,
מיניען בריליאַנטן, ווי שטערן פון פינגער, פון האַלדז און פון קאָפּ...

צוויי וועלטן דאָ לעבן בשלום. די וועלט פון געלט און פון פּראַצע,
די וועלט פון תענוג און לוקסוס, די וועלט פון הונגער און נויט,
אַלע צוזאַמענגעגאָסן, פון הונדערטער פעלקער איין נאַציע,
וואָס קוקט פריי אין דעם מאָרגן, און איז אין זיין צוקונפט פאַרטרויט...

מאַרטי איז איינס פון מיליאָנען. ווער קען דעם גאון דערקאָנען?
ער פּאַרט אין דער פרי צו דער אַרבעט, ווי טויזנטער, צו דעם אָפיס.
אַ מאַטאָווער פּנים, אַ בלאַסער מיט אויגן — פאַרחלומט, פאַרטרוימט,
אַ קאָפּ מיט האָר באַקרוינט און ליפּן מיט וואָנסעס באַזוימט.

אין אָוונט די ביינקשאפט זי נאָגט, גריזשעט און עגבערט דאָס הארץ;
ווי וואָלט ער זיין קינד איצט געקושט, זיין גאָלדענער קעפּל געגלעט,
און זיין פרוי זאָל זיך טוליען אין אים — שטענדיק פאר די אויגן איר זעט,
ער זוכט איר, און זוכט איר ארום און וואלגערט אליין זיך אין בעט . . .

א פראָסט האָט פארצויגן די שויבן — אוזאָרן פון בלומען און פלאנצן,
פּרעכטיקע הערליכע שיינקייט, טויטע פארגליווערטע קראַנצן,
בלומען אָן־אָטעם פון לעבן, אייזיקע, גרויע געוועבן . . .
ווי וואָלט ער איצט זיין נשמה פאר איין זוניקן בלימל געגעבן!

קובא, מיין ליכטיקע, שיינע, ווארעמע, הארציקע, זיסע!
כ׳האָב דיר נאָך קיינמאָל באנומען, ווי איצט אין דער אייזיקער תפיסה,
ווען ארום איז אלץ פארפרוירן, כמורנע, פראָסט און קעלט,
ביזט, מיין קליינטשיקער אינדזל, די ליבסטע פון גאָר דער וועלט . . .

עס שוועבן פארביי מיינע אויגן די הערליכע, פּרעכטיקע טאָלן:
וויניאלעס, יומורי און קאָברע, פון גאָט אליין געמאָלן;
די בערג פון לאס וויאַס, אָריענטע — קובאנאקאן און פּיקאָ טורקינאָ,
אייביק אין טולן פארהילטע אויף וועלכע עס רוט די שכינה.

מיט די געקרייזלטע פליינען פון דער פּראָווינץ קאַמאַגועי,
גרינע לאָנקעס אויף פּאַשע — מיט פּי אַלעאַרליי;
און די טייכן אלמענדאַרעס און קאַוטאָ — קוואַליקע לענטעס, סאפירן —
שלאָגן ארויס פון די טיפן, דיין גליאיקן קערפּער באצירן.

הונדערטער מיילן פון קאַניִעס — וועלדער פון צוקער און האָניק.
פעלדער מיט בלעטער פון טאַבאַק — ווייַרוך־ריחות פון גן־עדן.
הייזלעך פון קאָרע און בלעטער, פון שטרוי און ליים געקנאָטן,
און די פּאַלמען — וועכטער, וואָס ווילן זיך קיינמאָל ניט שיידן . . .

ליליען, ראָזען, מימאָזן, טוליפּאַנען, גלאַדיאָלן, קלאָוועלן
באַשיינען דיר אַלינקע וועגן, באַפּוצן דיר אַלינקע שוועלן;
פּיניעס, מאַנגאָס, מאַמייעס, פּאָמעדאָרן, מאַנדארינען, עפּלצינען,
פּלאַטאַנעס, אַגואַקאַטעס, פּאַפּאַיאַס — רופן, רייצן און מיניען . . .

באַגינענס מיט ראָזינקע ליפּן, בייטאָגנס — מיט באַקן ווי צונטער,
פאַרנאַכטן — האַרפעס פאַרצויגן פון פרויען־מלאכים געשפּילט,
וועבן־אוים נעצן פון כישוף, אין פאַרבן און קלאַנגען פאַרהילט
ווערט יעדעס לעבעדיקס וועזן, דאָס האַרץ אין מתיקות פאַרשטילט.

די נעכט — סודות פון שטערן, וואָס אַלע פּילן און הערן . . .
הימל און ערד איז פאַראייניקט אין רו, פרייד און גליק;
סטרונעס אין האַרצן פאַרבאָרגן, וואַכן אויף מיט טענער,
פּילן־אָן דעם חלל מיט הערליכע ליבע־מוזיק . . .

פּראַסטיקער, אייזיקער דרויסן, בוימער — סקעלעטן פאַרפרוירן,
פאַרשטעלט ניט מיין ליכטיקע וויזיע פון דער וואַרימער היים!
אָט־דאָ אין דער איינזאַמער תפיסה ביסטו אויפסניי מיר געבוירן,
איך קוש דיר מיין הייליקע קובא ווי אַ געליבטער, געהיים . . .

* *
*

דער מאָרגן אין ליכטיקן אויפשטייג, רופט צו פאַרוואַנדלען דעם טרוים
אין הערליך העראָאישע מעשים, פון אויפשטאַנד, קאַמף און רעוואָלט.
צוזאַמען מיט מאַקסימאַ גאָמעז שמידט ער נשמה פון פאָלק,
וואָס בלוטיקט שוין צענדליקער יאָרן און ווערט אין דעם פייער
געשטאָלט . . .

זיין היים האָט זיך איצטער געביטן, פול געוואָרן מיט פרייד —
זיין פרוי און קינד זיינען געקומען, ליבע און צערטליכקייט שפּרייט.
דער עלנט ווי אַ הונט איז אַנטלאָפן, טויבן־שטילקייט וועהט.
עס שפּילט פון אַלע ווינקלען אַ פאַרביינקטער פלייט . . .

זיין פעדער איז פלינקער געוואָרן, און שאַרפער פון שטאָלענעם שווערד.
זיין וואָרט האָט ווי פייער געצונדן, פאַנאַנדערגעבונדן די פליגל
פון פאָלק געקאָוועט אין קייטן איבער דער בלוטיקער ערד,
און אויסגעברענט אויף אייביק אין אים זיין חותם, זיין זיגל . . .

אומזיסט האָט דאָס בלוט זיך געגאָסן, ווידער די שלאַכט פאַרשפּילט.
דער מערדער מיט זיינע חילות האָט געפאַנגען דעם לייב . . .
און אַלע די פרייהייט־חלומות, דאָס ריינסטע און שענסטע פון וועלט,
צוזאַמען מיט געפאַלענעם העלד, ליגן פאַרבלוטיקט אין שטויב . . .

מארטי איז פארצווייפלט געדריקט . . . געמיינט אויף אַן אמת
עס טאָגט . . .
צום סוף גאָר אַ פינסטערע נאַכט אין קובאַ יללהט און קלאָגט.
און דאָ אויך זיין היים איז פאַרשוועכט — זיין פרוי מיטן קינד
זיינען אַוועק . . .
געלאָזן אַליין אים אין צער איינזאַם אין אַ ווינקל פאַרשטעקט . . .

פאַרט ער זיך היילן די וואונדן, פארטרייבן דעם פּיין און דעם צער,
אין דעם לאַנד פון סימאָן באָליוואַר, שעפּן קעמפעריש מוט.
נעמט מען באַגייסטערט אים אויף, דעם מייסטער פון וואָרט
און געדאַנק,
הילן אים איין אין רום — פאַר זיין הערליכן, האַרציק געזאַנג.

געפעלט ניט דעם הערשער, דעם רשע, די ליבע פון פאָלק צום דיכטער,
גיט ער אַ וואָרנונג צו אים — וואָס גיכער פון לאַנד אַוועק . . .
ווידער פאַרלאָרן אַ האָפנונג, ווידער צערונען אַ טרוים,
אויסגעלאָזט זיך אַ טייך פון דעם גאָלדענעם שטעג . . .

צוריק איז אין ניו-יאָרק מאַרטי. געפונען האָט ער דאָרט אַ טרייסט —
— אַ מאַמע פילט פון דער ווייט איר קינדס עלנט און פּיין —
האָט זי געשיקט אים אַ בריוו, ווי אַ רפואה צום האַרץ,
אַ באַלזאַם אויפן וואונד, אין דער נאַכט — אַ שיין . . .

ער האָט יעדן אות, יעדן וואָרט מיט די בליקן געגלעט.
עס אָטעמט מיט לעבן פון אים — ס׳איז דאָך דער מאַמעס שטים! —
ער פילט איר הויך פון וואָרט, ווי זי אַליין וואָלט גערעדט
און אים געטוליעט צו זיך, אין אַ פרומען, שטילן געבעט . . .

ווידער מיט לייב און לעבן וואַרפט ער אין קאַמף זיך אריין.
הונדערטער שלאַכטן פארלאָרן — די לעצטע וועט ברייננגען דעם זיג!
צענדליקער יאָרן געבלוטיקט, הפקר זאָל לעבן ניט זיין,
טאָר מען ניט בלייבן אַנטמוטיקט! ווייטער געצונדן דעם קריג.

ווערטער ווי פלאַמען פון צונגען טרעפן אין הארצן אַריין.
ס'האָט קיינער אזוי זיך צעזונגען מיט א געטליכן שיין
ווי מאַרטי דער דיכטער, דער דיינקער, דער טריבון.
פון אים שיינט דאָך אַרוים די אייביקע טראָפּישע זון.

גרייט מען מענטשן און געלט, אַמוניציע און געווער.
אים איז די אַרבעט פארטרויט, וועקט ער, רופט און מאָנט —
ווער ס'איז אַ קרבן געגרייט — וויים ניט פון אָפּהאַלט און שטער,
זאָגט נביאיש פאָרוים — אַז די באפרייאונג איז נאָנט.

רופט מען פון צענדליקער שטעט: קומען, זאָל קומען מאַרטי!
די אַלע פאַריאָגט און פארטריבן, בייקען פון גלות א היים;
פאָרט ער פון שטאָט צו שטאָט אין אַ הייליקער שליחות ארום,
זאמלט געלט און מענשטן, גרייט צו קעמפער געהיים . . .

קי-װעסט

קי-וועסט

דער בלומיקער ברעג פון פלאָרידאַ — אייביק מיט זון-ליכט באַגאָסן,
האָט פון אַלע פיר צייטן — צום פרילינג זיך איבערגעגעבן . . .
פאַלט וואו א בלעטל פון בוים, הערבסטיק, פאַרגעלט און טויט —
בליען אויף טויזנטער נייע, צום אייביקן לעבן פאַרטרויט . . .

פּאַלמעס, יונגע, פאַרשייטע, מיט די לאָקן פאַרריסן אין דרויך
רייצן ברייט-פּלייציקע סאָסנעס, וואָס גלעטן מיט נאָדלען מילדע,
און נעבן זיי פלאַטאַנע בוימער — זקנים, שטילע, געבויגן
זיינען מתפלל ביחידות אין טליתים פאַרהילטע . . .

קלאָוועלן, פייער-צונטער און בלאַסע, פאַרחלומטע ליליעס,
גלאַדיאָלן פון זון פאַרשיכורט, לבנה-פאַרטרוימטע מימאָזעס,
שקיעה-צעגליטע רויזן, גינגאָלדענע טוליפּאַנען,
הערליכע כריזאַנטעמען — שלאָגן מיט ריחות-פאַנטאַנען . . .

פרוכטן, גרינסן בשפע, שפּרינגען אַרויס פון דער ערד,
עס ציט זיי די זון ווי מיט צוואַנגען, לאָזט זיי פון זיך ניט אָפּ;
הערבער אַלץ העכער זיך הויבן די גראָזן ווי בוימער צעוואַקסן,
פאַרשטעלן דעם וואַנדער די סטעזשקעס, שאָטענען איבער זיין קאָפּ . . .

אַ ברעג פון צענדליקער מיילן, אַ מעכטיקער, ריזיקער אָרעם
אויסגעשטרעקט האָט דער צפון אַ פריינטליכע האנט צו דעם דרום . . .
פון מזרח קושט דער אַטלאַנטיק, פון מערב קושט דער גאָלף,
און איבער די זוניקע פלאַזשעס לויערט פון ים דער וואָלף . . .

אינדזל אַן אינדזל געהעפט אויף גרין־בלויער קאַנווע פון ים
מיט אַ גרויאינקן פעדימל דין — אַ וועג אין וואסער געשפרייט;
דאָ און דאָרט אַן אָאזיס פון וואסער־מדבר וואַקסט אויס,
גלויבסט ניט אליין דיינע אויגן — ס'איז אַ כימערע בלויז . . .

און ביים שפּיץ פינגער, אַ נאָגל די גרויס — קי־וועסט,
ווי זי וואָלט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, פון די אַנטיליען אנטלאָפן,
עס שלאָגט ניט דער פּולס דאָ פון לעבן, ווי אין די שטעטלאַך פון צפון —
רואיק, געלאַסן, פּאַמעלאַך, אייביק פאַרחלומט, פאַרשלאָפן . . .

נאָר היינט איז דאָ פייערליך, יום־טוב. הייזער מיט פאָנען פאַרפּוצטע —
אַן איינזאמער, בלאַסינקער שטערן רופט דורך ווייס־בלויע שטרייפן
פון אַ בלוטיקן דריי־עק אַרוים. דאָס קומט מארטי צופאָרן,
וועקן די ברידער קובאַנער — צום קאַמף די שווערדן שלייפן . . .

מוזיק פאַרהילכט די לופט. די שיף — אַ שוואַן שווימט צו.
גאָטס געבענטשטע רו ווערט אויפגעפראַלט מיט פריידּ —
הערצער פלאַמיקע, אויגן בלענדיקע, זינגענדיקע טריט.
אַלע זיינען איצט צו דעם קאַמף געגרייט . . .

ווערטער פערלען-אויף, צינדן הייסן בלוט.
אויף זיין צעשטראַלטן פּנים איצט די שכינה רוט . . .
און זי שייַנט אַראָפּ מיט אַזויפיל ליכט,
מיט אַ ים פון גלויבן אין באַפרייאונגס-פליכט.

שמידט ער האַרץ צו האַרץ אין איין גוס געשטאַלט,
ווי אַ וואַנט פון גוטס קעגן שלעכטס און בייז —
„קובאַ פאַר אַלע און לטובת אַלע!" —
וואַרפט ער אַט דעם לאָזונג פון זיין האַרץ אַרויס.

— אַלע מענטשן-קינדער אין גאָטס געשטאַלט געפורעמט,
טאָרן ניט זיין קיין שקלאַף איין מענטש ביי דעם צווייטן;
און קאַלירן, ראַסן — האָט ער אויסגעשטורעמט —
זיינען פון דעם טייוול אויסגעטראַכטע קייטן! . . .

ליבע בלויז פאַר אַלע, שנאה ניט פאַר קיינעם,
און אין שלאַכט ווי קריגער העלדיש, מוטיק פאַלן,
ביז מיר וועלן זיגער, אויסקעמפן אינאיינעם,
אונדזער לאַנדס באַפרייאונג, איבער וועלט צעשאַלן.

יובלען, אַפּלאַדירן, באַגייסטערטע קובאַנער, פאַרצויבערט פון זיין וואָרט,
אין די טאַבאַק-פאַבריקן — דעם לעצטן סענט פון זיך, פון פרוי
און קינד געשפּאָרט . . .
און מאַרטי, ער זאַמלט, די שוויים אין גאָלד פאַרוואַנדלט, די בלוט —
אין ביקס און קויל.
אַן ענדע מוז איצט נעמען צו דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט פון שווידער
און פון גרויל.

ער פאָרט פון לאַנד צו לאַנד: סאַנטאָ־דאָמינגאָ, האיטי, כאַמייקאַ,
מעקסיקאָ און קאָסטאַ־ריקאַ,
צום גענעראַל שעף מאַקסימאָ גאָמעז, און צום טיטאָן — גענעראַל
מאַסעאָ.
געוועט און מענטשן געגרייט אויף קובאַנער ערד צו לאַנדן,
אין א פייער פון רעוואָלט דאָס גאַנצע לאַנד פאַרוואַנדלען . . .

ווידער איז אין טאַמפּאַ. שפּאַניע שלאָפט ניט, וואַכט —
פאַרשטעלטע, צוויי פאַררעטער, פאַרגיפטן מילך מיט סם,
גלייך ביים ערשטן זופּ דערפילט האָט עס מאַרטי,
און אין האַרצן ברענט ווי אַ פייער־פלאַם.

פון קובאַ איז געקומען די מוטער מיט דער שוועסטער,
דערהערט פון אַטענטאַט אויף איר ליבן קינד;
זיצט ביים זייט פון בעטל, היילט אים מיט די בליקן
— שטענדיק ליידט פאַר אַלעמענס — ניט פאַר אייגן זינד . . .

זי קושט אים און זי גלעט: — נשמה מיינס, געטרייע! —
אויגן פייכטע גליען, פון פרייד און צער פאַרנומען . . .
— וויפל איז דער שיער אַ קרבן זיך צו ברייגנגען? —
שטיקן איר די טרערן, פאַרהאַלטן וואָרט אין גומען . . .

— ניין, מיין ליבע מאַמע, טייערע נשמה, פאַרשטייסט נאָך אַלץ ניט מיר!
ס'איז אַ גרויסע זכיה זיין אויסדערוויילטער קרבן
פאַר אַ פאָלק אַ גאַנצע, פאַר אַ לאַנד וואָס שקלאַפט . . .
ווען איך וואָלט טויזנט לעבנס געהאַט אין זיך פאַרבאָרגן

מיט פרייד וואָלט איך אין פלאַם זיי אריינגעוואָרפן,
מיט מיין לייב און לעבן — פייער צוגעגעבן
צו דעם שוואונג פון האמער, צו דעם גלי פון אייזן,
בעת אַ פרייע־קובא ווערט געשמידט, געשאפט . . .

— דו וועסט נאָך דערלעבן, הארציקע, געטרייע,
זען מיט דיינע אויגן דעם פלאַטער פון דער פאָן,
פאר וועלכער איך בין גרייט מיט פרייד מיין בלוט צו געבן,
זי זאָל איבער קובא ווייען אויבן־אָן,
איבער יעדער שטוב, איבער כאַטע, בוים,
גאָר אין גיכן, מאַמינקע, ניט זיין וועט עס קיין טרוים! . . .

— עס קעמפט אַ גאַנצע פאָלק האַלב יאָרהונדערט באַלד,
די גאַנצע ערד איז פול מיט אונדזער בלוט פארזאַפט.
גלויבסטו אַט אַזוי אייביק וועט עס זיין,
הפקר אונדזער לעבן, מאַטערניש און פיין?
ניין, מיין ליבע מאמע! איך זע עס טאָגט אריין . . .

— פינסטער איז אין דרויסן, ימען בלוט וועט רינען . . .
ניט איינער וועט נאָך פאלן, ווען שטערן וועלן מיניען . . .
די נאכט קען זיין אַ לאנגע, א גרויזאַמע און גרוילִיק,
דאָך אַ סוף מוז קומען, ווייל אונדזער קאמף איז הייליק!
מיט אונדזער לייב און לעבן וועט שטראַלן דער באַגינען . . .

די עקספּעדיציע
פון זעקס

די עקספּעדיציע פון זעקס

ד ריי פאַרטאָג. אַ לאָדקע שניידט דעם שטילן ים פון מאַנטיקריסטי.
סילועטן זעקס ווי גייסטער, ווערן אין דער נאַכט פארשוואונדן.
אַ לייכטע, שמאָלע זעגל־שיפל האָט געוואָרט אויף זיי צו פירן
צו דער מאַמע־ערד פון קובאַ, וואָס ליגט אין קייטן נאָך געבונדן . . .

כוואַליעס גלעטן, כוואַליעס לאַשטשען, ווינטלאַך מונטערן און טרייסטן,
שטערן ווינקען פון דער ווייטן, עפּעס ווילן זיי איצט זאָגן . . .
באַלד וועט שוואַרצע־נאַכט פאַרשווינדן מיטן אָפּגרונט און די שרעקן,
און געלאָקטע גאָלדן־כוואַליעס — סירענעס אויסגעצוואָגן — וועלן זיך
צעזינגען אין די הערליכע פאַרטאָגן . . .

אויסגעלאָשן ווערט די נאַכט, אָנגעצונדן דער באַגינען.
שטראַלן — דינע פעדים־גאָלד, נעצן אין דעם ים שפּינען . . .
וועמען פאַנגען ווילן זיי — אין די טיפע גרונטן?
צי אויף דעם וואַסער־פלאַך, וואו די שטערן מיניען?

טאָג מיט נאַכט זיך שפּילט אין בייט, ליכט מיט שאָטן אין געוועט —
ווער וועט דאָ דער זיגער זיין? דער לעצטער מיטן וועלט־פאַרמעג?
קיינער קען ניט ענטפערן. גלייכער גאַרניט פרעג . . .
און אפשר וועט גאָר אייביק זיין דער טאָג און נאַכט געיעג? . . .

צו דעם אינדזל פון אינאַגוא איז די שיפל צוגעשוואומען.
דער קאַפיטאַן ער האָט פאָרנאַרט, פאַרפירט זיי און געמסרט . . .
און די מאַטראָזן אָנגעשראָקן האָבן מורא ווייטער פאָרן.
דאכט זיך אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט — דאָך דעם מוט נאָך ניט
פאַרלאָרן . . .

עפּעס ווי פון דער השגחה זיי צו רעטן איז געקומען
אַ פּרוכט-שיף פון דער ווייט, און זיי ארויפגענומען.
און מיט דער שיפל איז געבליבן דער געטרייער דאוויד —
דער איינציקער מאַטראָז וואָס שרעקט זיך ניט און היט . . .

די שיף זי שטייט פאַראַנקערט אין האַיטיאַנישן ברעג.
זיי ליגן אויסבאַהאַלטן אין פּריוואַטע שטיבער.
ס'איז באַשערט געווען — נאָך דריי טעג פון שרעק . . .
און מיט געווער אין האַנט צוריק צום שיף אריבער.

זיי האַלדזן זיך און קושן, גליקליכע פון פרייד.
אָפּגעאַנקערט, ווידער די שיף זי רירט, זי גייט.
צוריק אין אינאַגוא — זיי ליגן אויסבאַהאַלטן.
און נאָכן האַלבן טאָג — אין ים זיך לאָזט, זיך שפּרייט.

און באַלד זיי שפּרינגען אויף — די גאָט-געבענטשטע ערד,
די בערג פון אָריענטע ווי הימל-סילועטן
רופן זיי צו זיך: — קומט, קינדערלאַך, אַ היים.
די ווינטן סודן זיך, בעטן זיך, און גלעטן . . .

דער טאָג צערינט. פאַרזינקט. אָוונט. שוואַרצער־ים.
כוואַליעס שטורמען אויף. נעפּל. רעגן. ווינט.
פון דער שיף אַראָפּ אין אַ לאָדקע זעקס —
ווי אין אַ טייוול־נעץ פון אָפּגרונט אויסגעשפּינט . . .

ס'וואַרפט, שליידערט, קערט, צאַרנט, ווילד־געברויז'
דעם רודער, מאַקסימאַ גאַמעזס, פליקט מיט כעס אַרויס,
און די לאָדקע ווערט אַ שפּיל פאַר שוואַרצן ים,
עס וועט פון זיי ניט בלייבן קיין סימן, מן־הסתם . . .

זיי רודערן און שניידן מיט די לעצטע קרעפטן, פון דעם ווינט געשמיסן.
„דורך דעם שוואַרצן נעפּל האָט אַ בליץ געטאָן מיט פייער" . . .
פלעמלעך ווינקען, רופן, פון דער ערד דער גוטער,
אירע וואַגל־קינדער, אויסלייזער, באַפרייער . . .

אויף דער ערד זיי טרעטן, קושן מיט די טריט די ברעגעס
פון פלאַאיטאַס.
אָפּגעזווישט די שפּורן. דורך בלעטער, דערנער שפּרייזן.
אויסגעלייטערט הימל. אַ פרילינגדיק לבנה מיט אַ מילדן פּנים,
און אַ ים פון שטערן זייער פּראַכט באַווייזן . . .

ס'איז אין מיטן נאַכט. אויפן פעלד אַ כאַטע, אָנגעקלאַפּט — אַריין . . .
אַ ביסל שוואַרצע קאַווע מחיהט־אַפּ דאָס האַרץ, און אַ פּלאַץ
צום שלאָפן —
פירט זיי אַ קובאַנער צו אַ הייל פאַרבאָרגן, אויסרוען די גלידער.
אויסגעשפּרייט אויף בלעטער, וויכער דער צוקאָפּן, און ביים זייט
די וואָפן . . .

צווישן ריזן־בערג, וואו דער טאָג פארשפעטיקט און די נאכט פארפריט,
בלויז געציילטע שעהן לייכט די זון אריין מיט איר גאָלדן־קרוין,
רוט די קאָפּ פון אויפשטאנד און דאָס הארץ פון פאָלק.
איר צו זען באפרייט — דאָס וועט זיין דער לוין . . .

פון דער וויטן רייטער — ברידער, העלדן, קעמפער,
זיי צוהילף געקומען — באַשיצער און פאַרהיטער . . .
אויגן לייכטן, גליען, און די הערצער טאַנצן,
אומגעארמט, אומגעהאלדזט, מיט פרייד־פולע געמיטער . . .

עס טאַנצן־מיט די בערג — שטאָלצע קעפּ פארריסן אין די הימל־הויכן,
איבער זיי די פּאַלמעס — סטרונעס אָנגעצויגן אויף טויזנטער גיטארעס,
באגלייטן דעם געזאנג מיט פארבייינקטע טענער, טיף אין הארץ דערגרייכן,
און פאַריאָגן רונד ארום דעם וואָלקנדיקן טרויער פון געפּלדיקע כמאַרעס.

דער ווינט, ער לויפט ארום און צעטראָגט די בשורה, שעפּטשעט, מורמלט, רעדט . . .
נאָך פערצן טעג פון וואָגל, פון געפאר און שרעק, טאַנצנדיק ער זעט מאַרטי'ן מיט זיינע ברידער, גליקליכע, צעלויכטן ווי די זון פון אויבן —
און ער צינדט דערפער, שטעט און שטעטלאך מיט זיין פלאמיק־גלויבן . . .

עס האלדזט זיך גראָז מיט גראָז, טוליעט פלאַנץ אין פלאַנץ זיינע בלעטער איין.

דער אָרט איז הייליק דאָ. אויך דער שאָטן לייכט מיט פאַרבאָרגן
שיין . . .
און דער פויגל פליט, אויף די פליגלען טראָגט אַ מיסטעריעזע ליכט.
און דער ווערימל פון דער ערד אַרויס אויף אַ העלן-שפּור רייסט זיך,
פויזשעט, קריכט.

און די בלעטלאַך פונעם צווייגן-נעץ קלאַפּן איינס אָן צווייטן, רעשן,
אַפּלאָדירן.
און די בוימער-שפּיצן זייערע הוילע קעפּ מיט אַ גאָלדן-קרוין געלאָזט
באַצירן.
אַלץ איז יום-טובדיק, פריילעך, פייערלעך. אויך די שטילקייט זינגט
פון זיך אַליין אַרויס . . .
אין דעם איצטיקן, גליקליכן מאָמענט איז ניטאָ קיין קליין און ניטאָ
קיין גרויס . . .

אַ קאַראַהאָד פון טאָלן און פון בערג מיט יעדער ווילע אימפּעטיקער
ווערט,
ווי אַ קנויל פון פרייד קייקלט, וויקלט זיך רונד אַרום דער ערד
אַ פאָדים ליכט וואָס שפּינט אַ פאַרבאָרגן האַנט מיט כישופדיקע פינגער,
באַצויבערט אַלץ מיט יוגנטליכן רייץ פון פאַרשיכורטע, טאַנצנדיקע
זינגער . . .

אין דער לופטן הילכן קלאַנגען פון געזאַנגען. קיינער וויים ניט ווען,
קיינער וויים ניט וואו.
עכאָס ווייטע קומען פון פאַרבאָרגן וועלט, מיט אַ ים פון טענער
און צעשטערן רו.
ווי עס וואָלטן ווינטן, דרימלענדיקע לירעס אויפגעוועקט צו שפּילן,
אויפגעוועקט צו לעבן

זאָלן אלץ און אַלעם מיט אַ צארטן ניגון גליקליכע פאַרוויגן,
גליקליכע פארוועבן . . .
ווער האָט עס דעם צויבער איבער וועלט פארצויגן מיט אזויפיל פייער,
מיט אזויפיל ליכט?
און די אלע קוואלן פון די טיפסטע טיפן, פון די שווארצע גרונטן
אַרויסגעשלעפּט צו לעבן?
קיינמאָל נאָך ביז איצטער האָט אַזוי געלויכטן מארטים גאוניש שטערן,
זיין מאַטאָווער געזיכט —
אַן ארעאל פון שטראלן, פון נישטדאָאיקע וועלטן, איבער אים זיך
שפרייטן, איבער אים זיי שוועבן . . .

•

דורך דעם גרויען נעפּל פון דעם הימל-שלייער ביי דעם האָריזאָנט
באגלייט דער אוניווערז, פון זונען און לבנות, מיט אַ כאָר פון שטערן,
אַ שטילן, דינעם קול, וואָס קומט פון ווייטסטער ווייט און איז צום
הארצן נאָנט —
דאָס איז די שטים פון גאָט — אין קדושהדיקער רו, קען דער מענטש
איר הערן . . .

מיטן פּנים צו דער זון

מיטן פנים צו דער זון

א

פון לימענע, שטרויענע, קאָרענע כאַטעס מיט לעכער פאַר
פענסטער, שפּאַרונעס — פאַר שיין,
פאַר ווינטן אַ שפּילכל, פאַר רעגנס אַ טענצל, פאַר היצן־געשטיקט,
און פאַר קעלטן־געפריר,
פון בערג און פון טאָלן, האַלב־נאַקעט און באָרוועס, מיט מעסער און
שווערד, רעוואָלווער און ביקס,
זיינען אַרויס די זין צו באַפרייען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד
וואָס ליידט אָן אַ שיער.

די דערפער און שטעטלאַך זיי זיינען געפאַלן ווי צייטיקע פרוכט
אין הערבסטיקן סאָד.
עס זיינען צעלאָפן די שפּאַניער־שאַקאַלן פאַר פאָכע פון שווערד,
פאַר פייף פון קויל.
ס׳האָבן די פעסטונגען שוין בלויז געגעבן, אַזוי ווי די לעכער דעם שוין
פאַרן קראָט.
דורך פייער און בלוט האָבן שטעט זיך באַפרייט פון גרויזאַמער
רשעות און גרויל.

מאַסעאָ, דער העלד, קעמפט אין אָריענטע, אַזוי ווי אַ לייב, אָן שרעק
פאַרן טויט.

צענדליקער קוילן זיין לייב דורכגעזיפּט, מיט וואונדן באשאָטן
פון קאָפּ ביז די פיס —
נאָר ווען קען שרעקן דער טויט אין די אויגן, ווען ער האָט זיין לעבן
דעם לאַנד פאַרטרויט.
און ער וועט ניט רוען ביז ער וועט קובאַ, זיין טייערער היימלאַנד,
באַפרייען געווים.

טויזנטער העלדן, הערליכע זין, די הערצער זיי טראָגן פאָרויס
אין דעם פלאַם.
אַ כוואַליע פון ליבע פאַרשווייגט די ערד וואָס איז מיט שנאה
פון שונא פאַרפעסט
קערנדלאַך זריעה פון בלוט אָנגעקוואלן, ווערן פאַרזייט פאַר
פאָלקישן שטאַם —
ניט איין גערודפטער וועט אונטער די צווייגן בויען, אין שאָטן פון רו,
זיין נעסט.

קינד און פאָטער און זיידע באַנאַנד, טראָגן דעם גורל פאַר פאָלק
און פאַר לאַנד,
פאָרויס איבער פעלדער מוטיק געשפּאַנט אונטער דעם האָגל
פון טויטליכן בליי.
עס וועט אָט די מחנה ניט גיין שוין צוריק. צענדליקער יאָרן פון קאַמף
און פון קריג
האָט זיי געלערנט, געשטאָלט זייער ווילן, צו איינס נאָר צו צילן —
צום זיג! . . .

צעטומלט, אַנטמוטיקט, דער שפּאַנישער חיל — ווי קומט אַזאַ גבורה
פון לייבן צום פאָלק?

אַ ווילדע רציחה פון חרפּה און בושה . . . זיי, די סאָלדאַטן,
טרעטן צוריק
מיט אַלע די נייסטע, מאָדערנע הארמאַטן, מיט מיילער פון פייער —
פאַרלאָשן, פאַרשטומט
פון נאַקעטן פויסט און מעכטיקן אָרעם, מיט ציין און מיט נעגל
צעפליקט! . . .

הייליק איז קאַמף פאַר דער שטיקעלע ערד, פאַר דעם פּענעצל ברויט,
פאַרן שאָטן פון בוים.
דער פּרעמדער־סאַדיסט, וואַמפּיריש ער זויפט . . . — וועט האלטן זיך
קוים
אויפן שפּיץ פון באַגנעט, אויפן ראַנד פון קאַנאָן, אויפן שאַרף
פון דעם שווערד! —
ווען דער שנייד־מעסער קלינגט מיט פרייהייט אין רוים —
ווערן דאַמבעס צעשטערט...

עס גיט זיך אַ לאָז דער מעכטיקער קוואַל פון די טיפן ארוים,
פאַרפלייצט און פאַרשווינקט, פאַרטרינקט און פאַרמעקט
און פאַרלענדט . . .
און בראשיתדיק פריש ווערט אַלץ אויף־דאָס־ניי באַפרוכפּערט,
באַזעלט,
די ערד און דער מענטש ווי נאָר וואָס באַשאַפן פון זון־ליכט
באַהעלט . . .

ארויס פון דעם לאַנד, איר טמאים, איר נבזהם, איר פינסטערע שלעק!
צי הערט איר ניט, ווי עס ציילט שוין דער זייגער דעם סוף
פון אייערע טעג? —

א יאָר־הונדערט שוין באלד ווי מיר פירן דעם קאמף אין געראנגל
און קלעם,
דאָס בעסטע פון פאָלק, אירע הערליכסטע זין — פארקוילט
און צעאשט אין געפלעם . . .

רציחה איז גרויס און נקמה נאָך מער, און עס גליט דאָס געווער.
קיין פאָלק האָט ביז איצט נים פארלאָרן קיין קריג, כאָטש נים
איינמאָל — אַ שלאַכט . . .
מיט אייך וועט פארגיין די בלוטיקע־מאַכט און די פיינליכע נאכט . . . —
מיר צינדן באגינענס מיט אונדזערע בלוט — דער מאָרגנשטערן
שוין וואכט! . . .

ב

קוילן האָגלען איבער די קעפּ, די שפּאַניער האָבן דערשנאַפּט זיי
צווישן די בערג.

מאַסעאָ, גאַרסאָן, מיט דריי הונדערט מאַן, זיינען געקומען צו־הילף
זיי און שוץ.

מארטי האָט אליין ניט געגלויבט זיך ווי אַזוי ס'האָט אים די שלאכט
ניט געשראָקן, פאַרקערט —

ער האָט אין דעם קלאנג פון די קוילן דערהערט אַ רוף פון די טיפן,
וואָס באַפעלט און באַשווערט

צו זיין קרבן־געגרייט מיט יעטווידער ווייל אויף דער הייליקער ערד.

די שלאכט איז אַריבער. דער שונא אַנטלאָפן. מען יובלט פון פרייד.
וויטער געלאָזט זיך אין וועג, קיין רו אויף צום עסן, געגאַנגען אַ טאָג
און אַ נאכט.

מיד און צעבראָכן, ער שלאָפט ניט — ער שטייט אויף דער וואַך! —
זיינע הענט פול מיט רחמים היילן די וואונדן ביז שפּראָץ פון באַגין,
טרייסט זיי און מוטיקט, און גיט אין די ליידן אַ ציל זיי, אַ זין . . .

שפּעט אין דער נאכט ער זיצט אין האַמאַק מיט אַ חלבנע ליכט
צווישן די קני

אויף אַ שטעקן צו דער ערד צוגעקלאַפּט. ער שרייבט זיינע בריוו
צו דער וועלט, צו די פריינט: —

דערציילט זיי פון אַלץ וואָס געווען, וואָס פּאַסירט, מיט יעדן דעטאַל,
גענוי און פּרעציז:
„פון פרייער קובאַ שרייב איך דעם בריוו" — יעדער אות איז אַ
קוואַל פון לויטערע פרייד,
שניידט פון די טיפן פון הארצן ארויס, באַשיינט און באַזונט
און באַגליקט אין זיין שפּרייט...

די שאָטנס זיי טאַנצן אַרום אויף די ווענט, ווי גייסטער, ווי רוחות
פון פּעך־שוואַרצן תהום . . .
ער זעט בלויז די ליכטל, דעם פלעמל, דעם שיין, וועלכער באַליכט
זיין בלאַסן געזיכט,
די פינגער וואָס טאַנצן מיט פּען אויף פּאַפּיר, די ווערטער וואָס בליען
ווי בלומען פון האַרץ;
און עס ווערן די שורות — גירלאַנדעס געפלאָכטן, פון אייביקער
בליאונג און הערליכער פּראַכט...
דאָס איינציקע וואָס וועט פאַרבלייבן פון אים אויף אייביק,
אויף אייביק פון פינסטערער נאַכט...

ער וועקט און ער רופט, מאָנט און באַפעלט, מיט ווירדע און שטאָלץ
צו טראָגן די פאָן,
די ימען פון שנאה וואָס שלאָגט פון דעם פיינט זאָל מען פאַרשטאָפּן
מיט מענטשליכער ליבע . . .
און קלייבן זאָל פאָלק אַ רעגירונג פאַר זיך, פון אַלע וואָס וואוינען דאָ
אין דעם לאַנד,
אָן אונטערשייד פון ראַסע, קאָליר, פון קלאַס און שיכט, פון אַלע —
פאַר אַלע . . . —
מיר זיינען דאָך קרושלאַך פון זעלביקן ליים געפורעמט פון געטליכער
האַנט . . .

הייליק איז פֿאָלק אין זיין קאַמף וואָס ער פֿירט, לאָזט ניט פֿאַרשוועכן
די חשיבות פֿון מענטש!

עס איז ניט בלויז קאַמף צו פֿאַרטרייבן דעם פֿיינט, ס'איז מער נאָך
פֿאַר דעם — זיין אַ חבר, אַ פֿריינט

צום נאָענטן און וויטן, צום מענטשליכן מין, וואָס זאָל געבן דאָס לעבן
אַ ציל און אַ זין,

דאָס בלוט זאָל ניט ווערן פֿאַרוואַנדלט אין ווייַן . . . — אַ צווייטער
זאָל זויפֿן אין אָרגיעס פֿון נאַכט . . .

פֿרייהייט זאָל קומען מיט הערליכן שיין, ווי אַ טראָפּישער טאָג
אין בלענדיקער פּראַכט . . .

שטראַלן פֿון פֿעדער געדאַנקען ווי בליצן, אין הייליקער שעה
פֿון וואַכיקער נאַכט.

איבער די בערג טאַנצן די שטערן, סודן זיך איבער... פֿאַרשווינדן
אין רוים.

ער וואָלט אַזוי יאָרן געזעסן, געשריבן... — נאָר מאָרגן איז טאָג דאָך,
איז טאָג דאָך פֿון קאַמף,

עס צאַנקט שוין די ליכטל, דער פֿלעמל ער וואַרפֿט זיך, וויל זיך ניט
לעשן, אַזוי ווי אַ מענטש...

פֿונקט ווי עס וואָלט פֿון איר די נשמה מיט קנייט זיך געראַנגלט
אין גסיסהקן קראַמף . . .

אַ ליכטיקער טראָפּישער טאָג. עס שטייען די העלדישע זין פֿון קובאַס
באַפֿרייאונגס־אַרמיי

אויסגעשטעלט אין אַ ריי. פּנימער שוואַרצע און ברוינע מיט אויגן
ווי פֿונקען וואָס גליען.

יעדער פון זיי איז געגרייט צו ווארפן דעם לעבן מיט פרייד אין פייער,
אין פלאַקער פון שלאַכט.
אַנטקעגן זיי רעדט מארטי ווי א ברודער צו ברידער מיט האַרץ . . .
זיין ריזיקער שטערן שטאַרצט,
בלענדט אין זוניקער ליכט. זיין פנים — נביאיש פאַרטרוימט,
מיט אויגן — צוויי שטערן פאַרטראַכט...

— ברידער פון פרייהייטס ארמיי! איר זייט קיין סאָלדאַטן, נאָר פאָלק,
הייליק דאַרף זיין אייער טראָט.
אויסדערוויילטע פון גאָט צו באַפרייען זיין הייליקע ערד פון בלוטיק,
אומווירדיקע טריט,
און צעפליקן די קייטן אין וועלכע עס ליגט געשמידט דאָס גוטמוטיק,
קובאַנישע פאָלק.
פריער פון אַלץ געדיינקט: — ערליך און ריין זיין אין קאַמף,
און מערער נאָך מערער אין זיג! . . .
איר זייט דאָך אַלע געגרייט מיט לעבנס צו צאָלן פאַר יענעם,
פאַר פרעמדע, פאַר מענטשליכן גליק . . .

הייליק און הויך האַלט די פאָן! — ווייס און בלוי געשטרייפט מיט
אַן איינזאַמן שטערן אויף איר,
דער רויטער דרייעק פון אויבן איז דער מאַסאָנישער צייכן,
דער סימבאָל פון מענטשן-ברידער!
היט איר און טראָגט איר מיט ווירדע, לאָזט ניט פארשוועכן פון
קיינעם, זי איז פאַרטרויט אייך געוואָרן...
פאַרוים מיט איר אין קאַמף וועט איר די שלאַכט געווינען! . . .
דער איינזאַמער שטערן וועט מיניען
פון טויזנטער דעכער, באַלקאָנען... פריי וועט זיין אונדזער לאַנד! —
איר וועט מיר דערמאָנען, דערמאָנען...

מאַרטי רייט אויפֿן פערד. דער טאָג אין פולן בלענד באַגיסט מיט ליכט
זיין געזיכט.
פֿון ווייטן צוויי טייכן זיך סודן — קאָנטרא־מאַעסטרע און קאוטאָ —
צי מיינען זיי אים, צי די בערג,
וואָס שטייען שטום און פאַרשטאַרט? צי אפשר די פּאַלמען, די שטאָלצע,
וואָס רייסן צום הימל די קעפּ?
אָדער די גראָזן, די שטילע, וואָס בויגן פאַר יעדן זיך איין,
דאָך טרינקען זיי שטאָלצע דעם ווייַן,
וואָס גיסט מיט דער פולער האַנט פון אויבן די ליכטיקע זון שטראָמען
שטראַלן־שיין? . . .

אַ פויגל קרייזט און פּאַרפּליט. עפּעס אין האַרצן ציט . . .
אַ ליכטיקייט נעמט אים ארום . . .
ער ווייס ניט פון וואַנען עס קומט, און ווייס ניט וואוהין עס פירט . . .
נאָר עפּעס פילט ער און שפּירט
אַ ניט־דאַאיק באַריר . . . ווי עס וואָלט אים אַ געטליכע האַנט געצויגן,
געצויגן צו זיך . . . —
אַ פאַרבראַעכעריש קויל האָט צעלעכערט זיין ברוסט, און ער איז
געפאַלן צו דר'ערד מיט פּנים אַנטקעגן דער זון . . . —
ווי אַ פאַרבלוטיקטע טויב שוועבט אין דעם בלויען לאַזור זיין
אומבאַפלעקטע נשמה אין אַ הילע פון ליכט . . .

אויף אַ וועגל, סאַדיסטיש, מיט די פּיס און הענט צו דער ערד,
שלעפּן אים שפּאַנישע הינט.
ער שרייבט זיין לעצטע ליד מיט בלוט פון האַרץ אַרוים מיט די
פינגער אויף הייליקער ערד: —
קובאַ וועט ווערן באַפרייט דורך קרבן־געגרייטקייט פון פאָלק
מיט בלוט פון אירע העלדישע זין!

די ערד וועט ניט רוען ביז דאן, אפילו ס'וועט בלייבן איין שפאן
פון פרעמדע באצווינגער פארכאפט;
פון די טיפן שוין יוירט, ברויזט מיט לאווישער קראפט. דאס האַרץ
מיט פרייהייט קלאפט . . .

דער הימל פארבלוטיקט פלאמט... וואלקנס צונטערדיק רויט —
שקיעה־בוקעטן צעלייגט
ווי הימל־קרוינען פון בלומען אויף זיין קבר געבראכט פון אלע זייטן
פון וועלט . . .
זיי וועלן קיינמאל ניט וועלקן, אייביק אין בליאיקן גלאנץ שקיעהן,
וועט שקיעהן דער טאג . . .
און אין דער שטילקייט פון אוונט וועט מען דערהערן, דערפילן,
א דינעם הימלשן קלאנג,
וואס וועט מיט מזרח־ווינטן ווייען איבערן לאנד אין אייביקן,
אייביקן קלאג . . .

פינסטער געווארן די וועלט. די נאכט ליגט אין שווארצן צעלייגט.
שטערן נאך שטערן זיך צינדט.
דער פלעמל, וואס דאכט זיך ער לעשט — ווערט ניט פארלאשן,
פארמעקט, ערגעץ אין רוים פארשווינדט . . .
און אין דער געטליכער קרוין, וואס איז פול מיט שטערן באזעצט,
וועט איר באמערקן אצינד
ווי די נשמה, מארטים, שטערנט, בלענדט און לייכט אראפ צו אונדז
אויף דער ערד...
גרינגער ווערט גרינגער די נאכט, וואס ווערט ניט איינמאל פארשטערט,
מיט גרויליקע שאטנס פארשווערט...

אוועק איז דער נביא פון וועלט. זיין נאָמען, זיין גייסט איז פארבליבן
אויף אייביק, אויף אייביק פאר אונדז.
זיין פלאַמיקע ליבע צום מענטש, זיין גלויבן, זיין צוטרוי צו אים
אפילו אין קייטן געשמידט . . .
אין וואונדן און בלוטיקע טריט — האָט ער דעם גלויבן פארהיט!
זאָלן מיר גיין אין זיין דרך, ווען פלאַמען פון שנאה גליט רונד ארום
אויף דער וועלט
ווי ער — מיט וואונדיקע טריט גיין צו דעם מאָרגן, וואָס העלט . . .

דער חזון פֿון מאַרטי

דער חזיון פון מאַרטי

אויף דעם נייעם קאָנטינענט ווערט אַ נייער מענטש געבוירן,
נייע פעלקער גייען אויף!
און די בערג — שווערע לאַסט, מיט דעם זשאַווער פון פאַראורטייל,
יחוס, אַפּשטאַם, קאַסטע, ראַנג,
פון דער אַלטער, פוילער וועלט, אין גרעניצן צעפּאַסט —
וואונדן אויף דער מאַמעס לייב . . .
מיט רדיפות און מלחמות, אַנגערייצטע פעלקער — סטאַיעס הינט
איינע אויף די צווייטע,
צו פאַרצוקן, צו פאַרלענדן, צו פאַרווישן מי פון דורות —
בלוט און שוויים צונויפגעזאַמלט . . . —
וועלן צו די נייע ברעגעס קיינמאָל, קיינמאָל ניט דערשווימען . . .
דער תהום וועט זיי פאַרשלינגען!

בראשיתדיק בליט דער באַגינען אויף די פּריירעס, אויף די סטעפּעס,
פון אַלאַסקאַ ביז די אנדן.
אַלע די געיאָגטע פון גאָט און טייוול, פון רעליגיעס און אידייען,
זאָלן קומען דאָ צו לאַנדן.
ס'ליגט אַ וועלט נאָך ניט באַטראָטן פון קיין מענטשן פוס.
וואַרט אויף איר דערלייזער,
זאָל ער קומען בויען, שאַפן, אַקערן, פאַרזייען, פלאַנצן, וועט די ערד
ווי אַ כלה טאַנצן

אַנטקעגן איר געליבטן חתן, וואָס קומט מיט קראַפט און לייב
און לעבן זיך איינגאַנצן אָפּצוגעבן...

עס שלאָגן פון דער ערד פאָנטאַנען — אויל אויף טרייבן די מאַשינען,
און אין דער טיף וועט איר געפינען
אוצרות בערג פון גאָלד און זילבער, קופּער, מעש, מאַגנעסיע, קוילן,
און אַ שלל פון מינעראַלן,
און מיליאָנען וואַסער-קוואַלן אַנצוטרינקען און באַלעבן,
און אַ וועלט אין גרינס פאַרוועבן.
זאָל נאָר קיינער ניט פאַרשווערן די הייליקייט פון שוויים און אַרבעט,
וועט געבענטשט זיין דאָרף און שטאָט.
מיט געזאַנג וועט יעדער שניידן אין דעם הערבסט די מי פון פרילינג,
ווי אַ ברכה פון גאָט...

עס שטייען וועלדער טויזנט יאָריקס, און זיי וואַרטן אויף דעם העקער,
זאָלן קומען יונגען, וועקער,
פון דעם לאַנגן שלאָף אויפוועקן מיט געזאַנג פון האַק און זעג,
אָנצוזאָגן זיי דעם אויפגאַנג פון נייע, אַרבעטספולע טעג,
און פון זיי צו די טאַרטאַקן — ברעטער אויף צו בויען הייזער,
זאָלן וואַקסן דערפער, שטעט,
מיט מענטשן גליקליכע, צופרידן — ס'איז די לוין פון אייגן פראַצע,
אין די הענט פאַרשוויצטע, נאַסע,
זיסער ברויט, טויזנט טעמיק, וואָס צעגייט אין אַלע גלידער,
מיט אַ שלונג פון קוואַליק וואַסער...

יעדעם פאָלק מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין פאַן און זיין עמבלעם,
מיט זיין ניגון און זיין ליד,

ברייננט אריין זיין טאָן און קלאַנג, זיין איינציקאַרטיקן געזאַנג,
זיין פּרעכטיקן קאָלאָריט,
אין אַ פעלקערליכער סימפאָניע, פון אַ כישופדיקן פליוט מיט אַ
ליארעמדיקן צימבל,
און אַ הילכעדיקן פּויק, מיטן רעשיקן קלאַרנעט און אַ ציטערדיקע פידל,
פון אַלע אויסגעשפילט אין האַרמאָנישן צונויפגוס, פון אַ נייע וועלט
וואָס בליט...

פעדים זייד, וואָל און פלאַקס, רויט און גרין, בלוי און ווייס,
אַ רעגן-בויגן פון קאָלירן,
שימערירן אין געוועב אַלע פאַרבן פון דער וועלט, דעם נייעם
קאָנטינענט באַצירן...
יעדער איינער מיט זיין טראַכט, מיט זיין פאַרם, זיין געשמאַק,
זיינע ליניעס און אוזאָרן,
שפינט אַריין זיין רייץ, זיין חן, זיין חלום און זיין טרוים,
זיין האָפענונג און גלויבן,
און פון דעם ווערט מענטש אַליין, אין זיין עלנט, אין זיין קליין,
צו דער געטליכקייט דערהויבן...

פון די פעלדער זינגט די סאַכע ליד פון ברכה, גליק פון אַרבעט,
און עס צעקלינגען סערפּן-כאָרן
אַ געזאַנג פון פרייע שניטער מיט אַנטבלויזטע בריסט, פאַרברוינטע,
פון דער זון און ווינט געשטאַלט.
פולע קוישן, זעק, מיט שפע — תבואות, גרינסן, פרוכט פול זאַפטיק —
קוואַלן הערצער צו מחיהן . . .

און פון טייכן נעצן פולע, שפּרינגען, טאַנצן, צאַפּלען פיש —
פלאַטקעס, העכט, לעשטש און שלייען.
און ימען טראָגן ריזן־אוצרות אויף די פלאַכן און די טיפן פאַר א
גאַנצער וועלט זאָל סטייען...

פון די שטעט קלינגען האַמערס, שווינגען העק, מאָלן רעדער,
שניידן זעגן, שמידן, גליען,
פאַסן לויפן, איילן, פליען, און זיי ציען רעדער, שרויפן,
ווי באַזויפן פון דער ארבעט,
פארשיכורט פון געיעג, אָן אן אָפּהאַלט, אָן אן אָפּרו,
פאַרשלינגען נעכט און טעג . . .
און דער מענטש — אַ שרייפל אין געווירבל פון ענערגיע
ווי אַ פּלעווע ווערט פאַרטראָגן
אין טאָרנאַדע פון מאַשינען, וועלכע רעשן אָן אַ זינען
און ער קען זיך ניט געפינען . . .

וואַקסן ריזן איבער נאכט, וואָלקן־קראַצערס — שטן־פינגער . . .
וואָס פאַרשטאָפּן מויל פון זינגער . . .
און פארשקלאפן מענטש צום טייוול, און פארשטיקן הארץ־געפילן —
מיט רויך און גאַזן פון די מילן,
פון שטאָל און בליי און אייזן גוסן, און פארגלושען די ניגונים,
וועלכע שפּילן אוים אין שטילן
די מענטששעלאַך די טרוימער, שווייגעוודיק פארבייגיין, ווי שאָטנס
אומבאַמעקטע, מיט אילוזיעס זיך פארהילן...
און וואַרטן, אַז דער מאָרגן וועט דעם מענטש באַפרייען פון זיין אייגן
שפינוועבס — די בלוט־זייגערישע צילן . . .

פון די טיפן יוירט מיט אויפברויז... אָנגעגורט מיט גבורה לענדן,
לאָזן מער זיך ניט פאַרפענטן . . .

אָרעמס וויִלכע בויען, שאפן, ווילן פולן, גלייכן חלק פון דער
מעכטיקער עשירות

וואָס פארפלייצט דעם קאָנטינענט. ס׳איז דאָ גענוג פון אלץ פאר אַלע,
דארף ניט זיין פון מענטש קיין חילוק.

און אין פרידליכן צונויפלעב קענען רואק דאָ געניסן, מיט ריינעם,
ערליכן געווים,

אלע קלאסן, אלע שיכטן, אלע פעלקער, רעפובליקן אין אַ ברודער־בונד
פארשליסן . . .

נייער מענטש קען אַלץ דערגרייכן, ס׳איז ניט ווייט פאַר אים די הויכן,
און קיין אַפהאלט ניט די טיפן.

ס׳ווארט דער רוים מען זאָל אים קרייצן אין דער לופט די הימל־וועגן,
ווי אין ים עם קרייצן שיפן.

קוואלן פון ענערגיע, פארהוילן און פארבאָרגן, וועלן אויפפראלן
צו דינען, צו פארגרינגערן זיין מאָרגן . . .

עם זאָל קיין קנעכט ניט זיין דער שעפער, נאָר דער האַר איבער
זיין שאפונג, איבער זיין גורל און זיין צוקונפט.

שמידן וועט פון שטאָל און אייזן אַ ראָבאָט אים צו באדינען,
מיט זיין געניום, מיט זיין זינען . . .

אַ גלויבער אין דעם מענטשן, האָט מארטי פאר זיך געמאָלן אַ וועלט
פון פארבן העל צעלויכטן: —

פריש־געצוואָגענע באַגינענס, צינדן טעג מיט בלענד פון זונען —
אַ פאַרפלייץ פון ליכט און שיין.

און די נעכט אין צויבער הילן, און פארשטילן צער און ווייען
מיט אַ טרייסט-געזאנג פון שטערן . . .
ער וועט אליין אין זיך דערהערן די שטים פון גאָט, וואָס ליגט
פאַרבאָרגן אין זיין איך איינגעשלאָסן,
און דורך מעשים טובים וועט זי זיך פאר אים אַנטפּלעקן,
ווי זי וואָלט פון הארץ געפלאָסן.

— און עס וועט אַ צייט נאָך קומען — האָט ער ווי אַ שטים פארנומען
— קוק זיך צו אין מאָרגן-רויט: —
איבער כוואַליעס פון אטלאַנטיק, מיטן אויפּפראַל פון באגינען,
אַ באַפרייאונגס-מחנה גייט.
פּאָרוים, מיטן פּאקל העל-צעצונדן, אַ לעבעדיקע, פול מיט וואונדן,
פון דער צייט אין איר פארקריצט,
שפּרייזט די פרייהייט-סטאַטוע, און באַלייכט דעם שווארצן תהום
מיט איר צויבערליכער ליכט . . .
רופט און וועקט און מאָנט אָפּצואוואַשן האַס און שנאה
פון וועלטס בלוטיקן געזיכט.

נעבן איר, מיט ריזן שטאָלץ, די באַפרייער פון קאָנטינענט —
לינקאָלן און וואַשינגטאָן, סאַן מאַרטין און סימאָן באָליוואַר,
לאָזן זיך צו דער אלטער וועלט, וואָס ליגט געקייט אין גרעניץ-צוואַנגען,
און פארגיפטעט הארץ פון שנאה,
מיט מוחות אָנגעדראָלן פון פארזשאַווערטע אָלן, וועלכע עגבערן,
פארשווארצן און פארפינסטערן דאָס לעבן,
און צעצינדן שריפות, מלחמות... פארוואָס און פאר וועמען? —
און ראַנגלען זיך אין קלעמען, פארביטערטע, פארגאַלטע...
פארוויסטן פעלקער, לענדער, פון דורותדיקן דויער, פארניכטן און
פארמעקן וועלטן אוצרות אלטע . . .

זיי קומען און צעוויקלען די נייע פאָן פון גלויבן, זיי מוטיקן, דערהויבן:
— קוקט אויף אונדז! מיר לעבן פעלקער, ראַסן, גלויבנס,
אין אַ וועלט אַ נייער.
קיינער הויבט ניט שווערד קיינמאָל קעגן קיינעם. אַ בונד פון
פעלקער פרייע!
באַזונדער — דאָך אינאיינעם מיר שמידן אונדזער גורל —
די צוקונפט פון די בראַווע!
עס וועט אויף אונדזער ערד קיינמאָל זיך ניט שפּרייטן
שנאהדיקע לאַווע . . .

מיר קומען דאָ ווי ברידער צו העלפן אייך, באַפרייען,
צו ווייזן אייך דעם וועג!
די ליבע צו דעם מענטשן לאָזט אין זיך פאַרפלאַנצן — וועלן העלן טעג!
דער אומצוטרוי, די שרעק, די אויסגעדאַכטע מורא,
וועט פון אייך אַוועק.
און איר וועט דערפילן, אין דעם טראַט דעם שטילן, ווי די ערד זי גלעט.
ווי זי קושט און בענטשט אַלע אירע קינדער מיט ברויט צו זעט . . .

מיר ברענגען אייך דערפאַרונג פון שלומדיקע יאָרן
אויפן נייעם קאָנטינענט.
האָט איר געהערט מלחמות? האָט ווער פון אונדז אַ פאָלק
רציחהדיק באַפאַלן,
ווי בלוטיקע שאַקאַלן אין לייב זיך איינגעגעסן, געזויגן און געפרעסן
איין ברודער ביי דעם צווייטן, און געשענדעט אויך דעם טויטן,
קיין רו אים ניט געגעבן
אין קבר דעם געגרייטן, געלאָזן פאַר די הינט צעגריזשען אים,
מעת-לעתן?! . . .

מיר, אַמעריקאַנער, קומען רו אייך ברײנגען, היילן די נשמה
פון יאוש און אפאטיע.
שטראָמען מוט פון גלויבן אין דעם אַלטן קערפּער נייע אריינגיסן...
זאָלן נעמען זידן, אויפברויזן און יוירן, די מענטשליכע געפילן
וואָס זיינען אַטראָפירט.
פון פינסטערע חלומות, סאַדיסטישע רציחות און טייוולישע צילן
צו פארנעמען וועלטן, הערשן איבער זיי, אין אַ שווארצע נאכט
אויף אייביק זיי פארהילן.

מיר ברײנגען טאָג און ליכט. מיר ברײנגען גליק און פרייד
פאַר אַלעמען געגרייט!
נעמט אויף די ברודער-האַנט פון נייעם קאָנטינענט, וואָס איז
צו אייך געשטרעקט.
קוקט זיך גוט נאָר צו, באטראכט אונדזער געזיכט, דערמאָנט זיך
און דערקענט . . .
מיר זיינען ברידער דאָך! . . . שוין לאַנג, פון לאַנג אַוועק
אויף אַ נייעם וועג . . .
הויבט זיך אויף פון זומפּ, און קומט צום מאָרגן-בארג,
וואו דער טאָג זיך וועקט! . . .

אינהאלט

אָפּטײלונגען:

	זייט
קובאַ	11
יוגנט	15
קאַטאָרגע	19
אין גלות (א)	27
זאַראַגאָסאַ (ב)	33
אויפן וועג קיין מעקסיקע (א)	37
מעקסיקע (ב)	39
אינקאָגניטאָ	45
גואַטעמאַלאַ	49
אין האַוואַנאַ	55
מאַדריד	59
פּאַריז	65
ניו־יאָרק	71
קי־וועסט	81
די עקספּעדיציע פון זעקס	89
מיטן פּנים צו דער זון	97
דער חזיון פון מאַרטי	111

ביכער פון זעלבן מחבר:

קובנער לידער

לידער און פּאָעמען — „אויפגאַנג“ — 1928

●

טראַפּישע ליכט

לידער און פּאָעמען — „אויפגאַנג“ — 1930

●

אויף צעגליטער ערד

לידער און פּאָעמען — „אויפגאַנג“ — 1934

●

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בוכענוואַלד

בילדער און שילדערונגען, פון ארעסט ביז באַפרייאונג

„האַוואַנער לעבן“ — 1939.

●

געזאַנג פון קאָנטינענטן

לידער און פּאָעמען — „האַוואַנער לעבן“ — 1951

ביכער פון זעלבן מחבר:

„מאסעאָ"

היסטאָרישע פּאָעמע אין בוך „טראַפּישע ליכט", אויף אידיש

„אויפגאַנג" — 1930.

אויסגאַבעס פון דער פּאָעמע „מאַסעאָ"

איבערגעזעצט אויף שפּאַניש פון אנדרעס דע פּיעדראַ בוענאָ.

ערשטע אויסגאַבע	האוואַנאַ — 1932
אין זשורנאַל „אוניווערסאַל"	האוואַנאַ — 1932
אין זשורנאַל „קאָלומנאַ"	בוענאָס איירעס 1937
אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פאַר די רעגירונגס־שולן	האוואַנאַ — 1939
אין די קאָמפּלעטע ווערק פון אנדרעס דע פּיעדראַ בוענאָ	האוואַנאַ — 1939
אין זשורנאַל „ווידאַ העברעאַ"	האוואַנאַ — 1939
אין זשורנאַל „העבראַיקאַ"	האוואַנאַ — 1946
אין זשורנאַל „סעמאַנאַריאָ קאַטאָליקאָ"	האוואַנאַ — 1950

אַ ספּעציעלע אויסגאַבע לכבוד דער הונדערט יעריקער פייערונג פון דער קובאַנער פאָן „בני־ברית מאַימאָנידעס" — האוואַנאַ 1950

איבערזעצונגען:

„דריי פּאָעמען", פון אנדרעס דע פּיעדראַ בוענאָ, איבערזעצט פון שפּאַניש — אין די קאָמפּלעטע ווערק פון דעם זעלבן מחבר האוואַנאַ — 1939.

דאָס
בוך איז
אַרויס פון דרוק
דעם 20־טן דעצעמבער
1953, אין יאָרהונדערט פון
געבוירנטאָג פון כאָסע מאַרטי
— לינאָטיפּ ־ זאַץ געזעצט פון
סאַמועל סאָלאָמיטש אין רעדאַקציע
פון „האַוואַנער לעבן"; געדרוקט און
פּלאַנירט אין דער דרוקעריי
„אַרטפּרינט", פון גוטשטאַט
און פּאַסקואַל — אַלס
אויסדרוק פון ליבע
און פאַרערונג
צו כאָסע
מאַרטי.